יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 202 | לאדז, מיטוואך, ח׳ אלול תרצ״ג | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Sroda, 30 sierpnia 1933 r. | № 202

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71–224 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

דער אפמאך מיט דייטשלאנד

איז נישט געשלאסען געווארען דורכ'ן ציוניסטישען עקזעקוטיוו און נישט בהסכם מיט איהם! — אזוי דערקלערט בערל לאקער. — רעדעס פון סטיפען וויז, מ. מ. אוסישקין, מאיר גראסמאן און אנדערע

גענעראל-דעבאטע אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס

לארד מעלטשעט ביי בענעש'ן און דאלפוס'ן

פראג, 29 (יט"א טעלעגראפיש)

אויף דער היינטיגער פארמיטאג-פלענאר-זיצונג, איז פארגעקומען דער המשך פון דער גענעראל-דעבאטע, וואס דערנעהנטערט זיך, ווי ס'ווייזט אויס צום סוף.

אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט ראביי סטיפען וויז, ד"ר מאיר עבנער, ישראל ווייסמאן (ווין), לוי גאטפעלד (ארץ-ישראל), ש. ז. באגראשאוו (אלג. ציונ. ארץ-ישראל).

ראביי סטיפען וויז

ראביי סטיפען וויז האט געהאלטען א גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האט שארף אנגעגריפען ד"ר חיים ווייצמאן:

— א פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג — זאגט וויז — קען זיין נאר א מענש, וואס איז נישט געגען דער פאדערונג פון א יודישען שטאט אין ארץ-ישראל און איז פאר א יודישער מעהרהייט אויף ביידע זייטען ירדן.

דאן גרייפט דער רעדנער אן די לינקע און זאגט, אז הגם ער רעספעקטירט די גרויסע פערדינסטען פון דער יודישער ארבייטער-בעוועגונג פארן יודישען אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל, איז ער אבער ענטשידען געגען דעם, אז די גאנצע ציוניסטישע בעוועגונג זאל זיך אונטערווארפען די דיקטאט פון הסתדרות. ער אפעלירט דעריבער צום לינקען פליגעל פאר שלום.

דער רעדנער געהט דאן איבער ארומצורעדן די טעטיגקייט פון דער יודישער אגענץ, וועלכע ער גרייפט שארף אן.

— דער קאנגרעס, זאגט דער רעדנער, מוז אין דער גאנצער פראגע ארויסווייזען פעסטקייט און ענטשלאסענקייט, און ענטשיידען אין די וויכטיגע שריט, וואס מען דארף מאכען. די „אגענץ" האט אין דער צייט פון איהר עקזיסטענץ נישט ארויסגעוויזען קיין שום סמנים פון לעבען, דאגעגען האט זי צוגענומען פיל קראפט.

אין סוף פון זיין רעדע, פערטיידיגט דער רעדנער די עקזעקוטיווע, וועלכע האט ארויסגעוויזען ענטשלאסענקייט און גענומען שטעלונג אין אלע וויכטיגע מאמענטען, וואס זענען פאר דער צייט פון איהר טעטיגקייט ארויפגעשוואומען אויפ'ן סדר-היום, ווי: דער פרענטש-בעריכט א. א.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט טרעט דער רעדנער ארויס געגען ד"ר חיים ווייצמאן, וועלכער האט געבראכט שאדען אין אלע פאלען, און בעזונדערס איז געווען שעדליך די רעדע, וואס ער האט געהאלטען אין טשיקאגא.

ד"ר מאיר עבנער

דער פיהרער פון די רומענישע אלגעמיינע ציוניסטען, ד"ר מאיר עבנער, פאדערט שלום און אחדות, כדי אלע ציוניסטישע גרופירונגען זאלען קענען צוזאמענארבייטען פארן געמיינזאמען גרויסען ציל.

ישראל ווייסמאן

א רושם האט געמאכט די רעדע פון ישראל ווייסמאן פון ווין.

ער מאכט אויפמערקזאם אויף די געפעהרליכע סימפטאמען, וואס לאזען זיך איצט שוין מערקען אין עסטרייך, און זענען אנ'אנזאג פון דעם, וואס קומט איצט פאר אין דייטשלאנד.

דער פארשטעהער פון ארץ-ישראל'דיגען „השומר הצעיר", גאטפעלד, פאדערט אויסצושליסען די רעוויזיאניסטען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואס רופט ארויס שארפע צווישענרופען מצד די רעוויזיאניסטען.

ז. באגראשאוו

מ. ז. באגראשאוו (אלג. ציונ. ארץ-ישראל) גרייפט-אן די לינקע, פאראורטיילנדיג זיי, אז זיי פערשפרייטען האס.

ער טרעט אויך ארויס געגען אייניגע אינסטיטוציעס, ווי „באנק להתישבות", וועלכע דעבאנירט געלד אין לאדז און אין קראקע.

מ. מ. אוסישקין

מ. מ. אוסישקין פערטיידיגט די „באנק להתישבות" ערקלערענדיג, אז די טענות פון פאררעדנער זענען נישט קיין גערעכטע.

דער רעדנער פון ארבייטער-פליגעל, רמז, פערטיידיגט די הסתדרות.

מאיר גראסמאן

מאיר גראסמאן פערלאנגט אנ'ענטפער אויף זיין אינטערפעלאציע בנוגע דעם אפמאך מיט'ן היטלעריסטישען דייטשלאנד.

בערל לאקער

אין נאמען פון ציונ. עקזעקוטיוו ענטפערט איהם בערל לאקער, וועלכער ערקלעהרט, אז דער אפמאך איז נישט געשלאסען געווארען פון ציוניסטישען עקזעקוטיוו און אויך נישט אין וועלכער ס'איז פערשטענדיגונג מיטן עקזעקוטיוו. א גענויערען בעריכט וועגען אפמאך וועט ערטיילט ווערען אויף דער זיצונג פון דער פאליטישער קאמיסיע, און מארגען וועט דאס קאנגרעס-פרעזידיום אפהאלטען א בעראטונג וועגען דעם, צי מען זאל ארום דער דאזיגער פראגע עפענען א דיסקוסיע אויפ'ן פלענום.

דער פארשטעהער פון די רעוויזיאניסטען, ד"ר האפמאן פערטיידיגט די פאסטולאטען פון די רעוויזיאניסטען און זאגט זיך ארויס פאר פראקטישע צוזאמענארבייט.

געמאכט א פארוואורף דעם רעדאקטאר פון „ראזסוויעט"

פאר'ן בעליידיגען דעם „הסתדרות"

פראג, 29 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

דאס קאנגרעס-געריכט האט היינט ארויסגעטראגען דעם אורטייל וועגען דער אנקלאגע פון „הסתדרות" געגען דעם רעוויזיאניסטישען ארגאן אין פאריז „ראזסוויעט", פאר א בעליידיגענדען ארטיקעל וועגען דער „הסתדרות".

דאס קאנגרעס-געריכט האט דעם רעדאקטאר געמאכט א פארוואורף פאר אפדרוקען א בעליידיגענדען ארטיקעל געגען „הסתדרות", נישט האבענדיג דערצו די נויטיגע מאטעריאלען.

דער גענעראל-דירעקטאר פון „י.ט.א." אויפגענומען

דורכ'ן טשעכישען אויסערן-מיניסטער

פראג, 29 (יט"א טעלעגראפיש)

דער טשעכאסלאוואקישער אויסערן-מיניסטער, בענעש, האט היינט אויפגענומען אויף אנ'אודיענץ דעם גענעראל-דירעקטאר פון יט"א, ד"ר לאנדוי, פאר וועמען ער האט אויסגעדריקט זיינע הייסע סימפאטיעס פאר'ן יודישען אויפבוי-ווערק פון ארץ-ישראל.

מיטינגען אין גאנץ ארץ-ישראל

ס'ווערט געפאדערט א פערגרעסערטע יודישע עליה אין לאנד

ירושלים, 29 (י.ט.א. טעלעגראפיש).

אין גאנץ ארץ-ישראל קומען פאר צאהלרייכע מיטינגען, אויף וועלכע ס'ווערט געפאדערט א פערגרעסערטע יודישע עליה קיין ארץ-ישראל.

די רעזאלוציעס זענען ארויסגעשיקט געווארען צום קאנגרעס קיין פראג.

דער קאנגרעס זאל פערלענגערט ווערען

פראג, 29 (ספ. טעל.)

בעת זיין רעדע איז דער ראביי סטיפען וויז גערופען געווארען צו ארדענונג פאר'ן אויסנוצען נישט פארלאמענטארישע אויסדרוקען לגבי זיינע געגנער.

בעת דער רעדע פון'ם ד"ר האפמאן (רעוויזיאניסט) האבען אלע לינקע פערלאזט דעם זאל.

אין די קאנגרעס-קרייזען הערשט די איבערצייגונג, אז דער קאנגרעס וועט פערלענגערט ווערען אויף נאך עטליכע טעג.

לארד מעלטשעט ביי בענעש'ן

פראג, 29 (ספ. טעל.)

דער לארד מעלטשעט האט היינט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט בענעש'ן מכוח דער עמיגראציע פון דער יודישער יוגענד פון דייטשלאנד קיין פאלעסטינא. כדי אדורכצופיהרען דעם דאזיגען פלאן וואלטען די יודען געוואלט בעקומען א הלוואה פון'ם פעלקער-בונד.

נאך דעם דאזיגען געשפרעך איז דער לארד מעלטשעט ארויסגעפאהרען קיין עסטרייך, וואו ער וועט האבען אנ'עהנליכען געשפרעך מיט'ן קאנצלער דאלפוס.

פון דער פאליטישער קאמיסיע

פראג, 29 (ספ. טעל.)

דער שווער-פונקט פון די היינטיגע קאמיסיע-בעראטונגען איז געווען אין דער פאליטישער קאמיסיע, וואו די עקזעקוטיווע האט געגעבען ברייטע דערקלערונגען און אינפארמאציעס וועגען דעם ענין אפמאך מיט דייטשלאנד.

די ערקלערונגען האט געגעבען בערל לאקער און דער ד"ר רופין.

די זיצונג איז געווען א שטרענג-פערטרויליכע. אין די קולוארען האט מען אבער געטענה'ט, אז דער ענין אפמאך איז א פאקט.

חוץ א רייהע צווייט-ראנגיגע פראגען איז אין דער קאמיסיע בעטראכט געווארען דער ענין יודישע פאליטיק אין ענגלאנד.

רעפערירט האט די פראגע נחום סאקאלאוו, אנווייזענדיג, אז די לעצטע געשעהענישען האבען בולט געמאכט פאר אלע מלוכות די וויכטיגקייט פון דער יודען-פראגע, און אז אין דעם איצטיגען מאמענט דארף מען די ארבייט אין ענגלאנד פיהרען אין דער ריכטונג פון אנגעבען דער יודען-פראגע איהר איינהייטליכע בעדייטונג.

מארגען זאל אויפ'ן קאנגרעס קומען חיים ווייצמאן, וועלכער איז, כידוע, נישט מסכים ארויסצושטעלען זיין קאנדידאטור אויף עקזעקוטיוו-פרעזיזעס. ער זאל זיך אבער שטעלען בראש פון איינער פון די קאמיסיעס.

די שטעלונג פון די ראדיקאלע ציוניסטען

רעדע פון ד"ר נחום גאלדמאן אין דער גענעראל-דעבאטע פון ציוניסטישען קאנגרעס

פראג. (יט"א) בעת דער גענעראל-דעבאטע אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס האט דער פארשטעהער פון די ראדיקאלע ציוניסטען ד"ר נחום גאלדמאן ערקלערט צוו. אנד. אז זיין גרופע פאדערט דרייסטע פאליטישע מעשים, מיר מיינען, זאגט דער רעדנער אז די יודען-פראגע אין איהר גאנצען פערנעם, קאן נישט בעהאנדעלט ווערען אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס, און דעריבער זענען מיר פאר צונויפרופען א יודישען וועלט-קאנגרעס. די לאגע אין א"י איז אבער אין א גרויסער מאס אפהענגיג פון דער יודישער לאגע אין דער גאנצער וועלט, מיר מוזען זיך דעריבער פון איין זייט שטארק אפגעבען מיט דעם, וואס עס קומט פאר מיט די יודען אין דער וועלט, און פון דער צווייטער זייט — מיט דער טעטיגקייט פון דער מאנדאט-מאכט. די האנדלונג פון גרויס-בריטאניען לגבי דער יודישער נאציאנאלער היים, איז נישט בלויז א פארמעלע פערלעצונג פון מאנדאט, נאר אויך אנ'איגנארירונג פון זיין היסטארישער אויפגאבע. בעת עס ווערט בעהאנדעלט אין ענגלישען פארלאמענט די פראגע פון דער א"י-הלוואה און די הויפט-זאך די פראגע פון די 800 ארויסגעשטויסענע אראבער, מיט קיין איין ווארט ווערט אבער נישט דערמאנט די דעקלאסירטע יודען אין די גלות-לענדער, פאר וועלכע עס איז דאך אייגענטליך בעשטימט געווארען דער א"י-מאנדאט, די טעטיגקייט פון דער מאנדאטען-מאכט בעווייזט דאס זי איז גאנץ ווייט פון בינדען דעם אלוועלטליכען יודישען פראבלעם מיט דער ארץ-ישראל-פראגע. אויך די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז געווען ווייניג טעטיג לגבי די גרויסע אויפגאבען, וואס זענען ארויפגעשווימען אין צוזאמענהאנג מיט דער יודען-פראגע אין דייטשלאנד. עס איז אונז אויך נישט געלונגען צו געווינען די ברייטע יודישע פאלקסמאסען פאר דעם א"י-געדאנק. נישט קיין קליינע חטאים זענען אין דער הינזיכט בעגאנגען סיי די עקזעקוטיווע, סיי דער אקציאנס-קאמיטעט, ווי בכלל די גאנצע ציוניסטישע ארגאניזאציע.

איינע פון די ערשטע בעדינגונגען פאר א פאליטישער אקטיוויטעט איז די קאנסאלידאציע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. א דעזארגאניזירטע בעוועגונג איז נישט אימשטאנד צו פיהרען א ווירקזאמע פאליטישע ארבייט. אונזער פארטיי-קאמף האט אנגענומען אזא כאראקטער, דאס א פערשטענדיגונג איז בכלל געווארען אונמעגליך. פיל זענען דערין שולדיג די רעוויזיאניסטען. קיינמאל פריהער האט מען אין דער ארגאניזאציע נישט געוואוסט פון אזא מין איינשטעלונג, לויט וועלכער יעדער אנדערש דענקענדער, איז נישט בלויז א פאליטישער שוטה, נאר אפילו א מינדערווערטיגער ציוניסט. עס איז שווער צו טראכטען וועגען דעם דאס מיר זאלען ווערען אנ'איינהייטליכע ארגאניזאציע, כל-זמן מיר האבען אין אונזערע רייהען מיטגלידער פון א פארטיי, וועלכע בעטראכטען זיך אלס געסט, און די ארגאניזאציע-אומגליקען האלטען זיי נישט פאר זייערע.

האנד-ביי-האנד מיט דער פסיכאלאגישער קאנסאלידאציע מוז אריינטרעטען אנ'ארגאניזאציאנעלע קאנסאלידאציע. עס מוז א סוף נעמען צו דער

(ווייטער זעה 2. זייט).

אינטערנאציאנאלער צוזאמענפאהר

פון אונאפהענגיגע ארבייטער-גרופירונגען אין פאריז

פאריז, 29 (ספ. טעל.))

דא האט זיך אנגעהויבען דער אינטערנאציאנאלער דעלעגאטען-צוזאמענפאהר פון אונאפהענגיגע ארבייטער-גרופירונגען, וועלכע רעפרעזענטירען די ראדיקאלע סאציאליסטישע עלעמענטען, וואס געפינען זיך מחוץ'ן צווייטען אינטערנאציאנאל.

אויפ'ן צוזאמענפאהר איז בעשלאסען געווארען צוזאמענצורופען א וועלט-קאנגרעס, אויף וועלכען עס זאל בעהאנדעלט ווערען די פראגע ווי אזוי צו פערבעסערען די ארבייטער-לאגע און ווי אזוי צו פעראיינהייטליכען די ארבייטער-בעוועגונג אויפ'ן יסוד פון מארקס'ס טעאריע.

רוזוועלט האלט זיך פעסט

ביים נישט סטאביליזירען דעם דאלאר

לאנדאן, 29 (ספ. טעל.)

דא זענען אנגעקומען ידיעות, אז די געשפרעכען צווישען רוזוועלט'ן און דעם גובערנאטאר פון דער ענגלישער באנק נארמאן האבען נישט ווייט אוועקגעפיהרט.

רוזוועלט שטעהט נאך אלץ אויפ'ן שטאנדפונקט, אז די סטאביליזירונג פונם דאלאר איז פריהצייטיג כל זמן די פרייזען אין אמעריקא וועלען נישט דערגרייכען די געהעריגע הויך.

סטאביליזירונג פון וואלוטעס

וויכטיגע בעראטונגען מיטן פרעזידענט רוזוועלט

ניו-יארק, 29 (ספ. טעל.)

פון פרעזידענט רוזוועלטס זומער-רעזידענץ, הײדפארק, איז מען מודיע, אז אויף דער נעכטיגער קאנפערענץ פונם אמעריקאנער פרעזידענט מיט'ן גובערנאטאר פון דער ענגלישער באנק מאנטאני נארמאן, איז ארומגערעדט געווארען וועגען דער סטאביליזירונג פון וואלוטעס.

א „גאלדענע" פעראָרדנונג פון רוזוועלט'ן

ניו-יארק, 29 (ספ. טעל)

רוזוועלט האט בעפולמעכטיגט דעם מלוכה-אוצר צו אננעהמען אויף לאגער צום פערקויפען דאס גאלד, וואס ווערט ארויסגעקריגען אויפ'ן שטח פון אמעריקא. די דאזיגע פעראָרדנונג איז פערזעהן מיט א רייה בעדינגונגען.

דערלויבענדיג אויפ'ן פרייען גאלד-פערקעהר גיט רוזוועלט די גאלד-פראדוצענטען די מעגליכקייט צו דערגרייכען גרעסערע פרייזען אין אויסלאנד.

רוזוועלט האט אויך פעראָרדנט, אז איטליכער, וואס בעזיצט גאלד, אדער סערטיפיקאטען אויף גאלד, זאלען אויפגעבען זייער פולען סכום אין משך פון 15 טעג אין די פינאנץ-אמטען, וועלכע דארפען דאס גאלד נעהמען אויף לאגער.

גרויסע באהן-קאטאסטראפע

ניו-יארק, 29 (ספ. טעל.)

אין טוקומארי איז פארגעקומען א גרויסע באהן-קאטאסטראפע.

דער עקספרעס-צוג, וואס איז געגאנגען פון טשיקאגא קיין לאס-אנזשעלאס איז אריינגעפאלען אין א טייך.

דער לאקאמאטיוו און 6 וואגאנען זענען אריין אין וואסער.

40 פערזאן זענען שווער פערוואונדעט; 15 זענען דערהרג'עט געווארען.

50 וואגאן בענזין ברענען אין באריסלאו

באריסלאו, 29 (ספ טעל.)

דא איז אויסגעבראכען א שרפה אין א ראפינעריע, מחמת א קעסעל האט געפלאצט.

א ציסטערנע, וואס ענטהאלט 50 וואגאנען בענזין שטייט אין פלאמען.

עס זענען בעדראהט די שכנות'דיגע ציסטערנעס, וואס ענטהאלטען 200 וואגאן בענזין.

די שטעלונג פון די ראדיקאלע ציוניסטען

(ענדע פון דער 1-טער זייט)

לאנג, אין וועלכע די לאנדעס-ארגאניזאציעס נעמען ארום קוים 5 פראצ. ציוניסטען פון געגעבענעם לאנד און די פארטיי-צע-שפליטערונג איז אזוי גרויס, אז די ציוניסטען פון איין און דעם זעלבען לאנד קענען צווישען זיך נישט דורכקומען. מען מוז אויך א סוף מאכען צו דער פיקציע פון דער יודישער אגענץ. איך ווייס, אז דער גרעסטער טייל דעלעגאטען האט נאך נישט קיין מוט דאס הויך צו זאגען, דער איצטיגער צושטאנד קאן אבער נישט לאנג אנהאלטען.

דער רעדנער זאגט זיך ארויס געגען אויפסניי פארמולירען דעם ציוניסטישען ענדציל, וועלכע זענען דורך איהם שוין פארמולירט געווארען אויפ'ן 17-טען קאנגרעס אין 17 פונקטען. איהר אבער — דער רעדנער ווענדעט זיך צו די רעוויזיאניסטען — וועלכע רעדט כסדר וועגען מלכות ישראל, איהר פאר וועלכע די דאזיגע צוויי ווערטער זענען דער הויפט-פונקט פון אייער פראגראם, מוזט ענדליך פערשטעהען, אז אן ארגאניזאציע, וואס דארף דערפיהרען צו דער רעאליזירונג פון מלכות ישראל, קאן נישט האבען די נויטיגע קראפט אהן דיסציפלין סופאָרדינירונג און סאלידאריטעט. עס מוז ענדליך קומען א סוף צו דער דיסציפלינלאזיגקייט, דאס נישט אונטערווארפען זיך די בעשלוסען פון די העכסטע ארגאניזאציע-ארגאנען. אויב דאס וועט נישט געשעהען, וועט קיינמאל נישט מעגליך זיין צו דערגרייכען דעם ענדציל (לאנג דויערנדע אפלאדיסמענטען).

פון דער סעריע „באד-איסורים"

בערלין. (יט"א) דער שטאט-ראט אין באד נארדלינגען האט אויספלאקירט פאלגענדע בעקאנטמאכונג: „יודען איז פערבאטען דער צוגאנג צו דער פלאזשע און פאלקס-בעדער פון אונזער שטאט".

טעאטער „פילהארמאניע"
נארוטאוויטשא 20
דירעקציע: דוד צעלמייסטער.
געדענקט,
אז היינט, מיטוואך, 9 אווענד
צום לעצטען מאל!
כדי צו געבען די מעגליכקייט צו זעהען דעם קעניג פון דער אפערעטע

מיכאל
מיכאלעסקא
צוזאמען מיט דער נאכטיגאל פון דער יודישער ביהנע
בעטי סימענאוו
אין דער הערליכער איינציגער אפערעטע
דער
לעצטער טאנץ
בילעטען צו בעקומען אין טעאטער קאסע

„טאז" זוכט
א היגיעניסטין
מיט טעארעטישער און פראקטישער פארבערייטונג
ווענדען זיך אין „טאז" (נאוואמיעסקא 3)
יעדען טאג פון 11 ביז 1. 4472

פאר
גאלד, ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

די זומער-רעדוטע פון דער פרעסע
איז צוליב'ן אונגינסטיגען וועטער אפגעלעגט געווארען און וועט פארקומען
שבת, דעם 2-טען סעפטעמבער 1933
מיט א נאך מעהר רייכערען און פערשידענארטיגען פראגראם! ● אלזא — אין א וואר ארום אין העלענאוו.

בעזה"י
איינלאדונג
צו דער פייערליכער פתיחה פון שול-יאהר
אין „חורב", זעגעלניאנא 22
זונטאג, פ' תבא (3/9), 4 א זייגער נאכמיטאג
קומט פאר אין אייגענעם לאקאל די פייערליכע
פתיחה פון נייעם שול-יאהר אי"ה, ביי דער
בעטייליגונג פון ראבינאט און בעוואוסטע אנשים חשובים
עלטערן און איינגעלאדענע געסט ווערען דערמיט העפליך פערבעטען.

לעכער
צו וועש און הענטשקעס ווערן געמאכט
שרודמיעסקא 8

פארק „העלענאוו" | היינט, מיטוואך, דעם 30/8 ד. י. 8.30 אווענד
גראנדיעזער בעטהאווען-קאנצערט
5-טע סימפאניע דיר. פראפ. י. זאקס. 9-טע סימפאניע דיר. ט. רידער.
סאליסטען: וואנדא לאזשינסקא (ווארשע), העלענא זשעבראווסקא, מ. גרינוואלד, ס. לעוויטין, געמישטער „הזמיר"-כאר און פערגרעסערטער פילהארמאניע-ארקעסטער
אריינגאנג 1.09 זל. בילעטען ביים אריינגאנג פון פארק.

צאהן-ארצט
Rozin - Reichowa
צוריקגעקעהרט
זגערזשער 38
(געגענאיבער זגערזשער 15)
נעמט אן פון 10—2 מיטאג און פון 4—7 נאכמ. צו לעטשניצע-פרייזען.

כירורגישער קאבינעט פון דר. מעד.
J. SZREIBERA
געפינט זיך יעצט אויף
Narutowicza 9, tel. 122=95
אפעראציעס, אפאטרונקעס, הילדס ושילאקעס א. ז. וו., נעמט אן פון 2 ביז 3 און פון 7 ביז 8.30 אוו.
לעטשניצע-פרייזען.

Dr. med.
E·Reicher
ספעצ. פאר מאגען-שוועכע, קינדערלאזיגקייט-בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
פאלודניאווא 28, טעל. 201-93
צוריקגעקעהרט.
נעמט אן פון 8—11 פריה און פון 5—8.
זונטאג און פייערטאג פון 9—1.

פאר הייזעריגע, ברוסט-ליידענדע, ערקעלטונג איז דאס בעסטע מיטעל
ארץ-ישראל'דיגער ריינער
ביענען-האניג
פון פאמעראנצען און עקאליפטוס.
צו בעקומען אין „תוצרת ארץ ישראל"
לאדז, שרודמיעסקא 3.

Dr.
Wajnberg
ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראָז-קראנקהייטען
וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

Dr. med.
B. ROBINSON
צוריקגעקעהרט
10 פיעטריקאווער 10
טעל. 131-86
נעמט אן פון 3—4 נאכמ. און 7—8 אוו.

וויכטיג פאר דער ארימער לאדזשער בעפעלקערונג
דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס'איז ערעפענט געווארען דאס
אמבולאטאריום
ביים פעראיין „מלבוש ערומים"
שעניעוויטשא 3/5.
וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט. שיקט אויך ארויס דאקטוירים-ספעציאליסטען
מיט וויזיטען אהיים
נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אבצאהלונגען.
די פערוואלטונג.

Dr. med.
Haltrecht
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 8—11 פריה, פון 1—2 מיטאג און פון 5—9 אווגט. זונטאג פון 10—1 מיטאג
אלע ארט אנאליזען.
פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע-פרייזן.

ד"ר ל.
שיפמאן
זשעלאנא 3
צוריקגעקעהרט

אויגען - קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

לאָדז, 30 אויגוסט 1933

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז, 30 אויגוסט 1933

אַ גאַלעריע רעדנער אויפ׳ן קאָנגרעס

קאָרעספּאָנדענץ פון פּראָג

פון זינט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע עקזיס־טירט האָט זי נאָך קיינעם נישט אַזוי גע־האַט און פייערליך בעעהרט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אויפ׳ן איצטיגען קאָנגרעס מיט אוסישקינען צוליב זיין זיבעציג־יעהריגען געבורטס־טאָג. קודם כל די פאָרם אַליין. דאָס איז פאָרגעקומען נישט אויף קיין באַנקעט, נישט אין דער פאָרם פון אַ געלעגענהייטס רעדע, ווי דאָס פאַסירט געוויינליך, נאָר איהם איז געווידמעט געוואָרען אַ ספּעציעלע זיצונג פון קאָנ־גרעס. פאַרן אָרט וואו ר׳איז געזעסען האָבען זיינע צאָהלרייכע פערעהרערינס (מען האָט געשפּאַסט: די אַמאָליגע, צי די יונגע?) אויסגעלייגט אַ גאַנ־צען באַרג מיט בלומען.

דער זאַל איז העל בעלויכטען, די זיצונג עפענט דער פאָרזיצער פון קאָנגרעס לעאָ מאָצקין, וועלכער מעלדעט, אַז היינט איז אַנ׳אויסער־געוועהנליכער יום־טוב, חג אוסישקין. דער גאַנצער קאָנגרעס, אַלע דעלעגאַטען און געסט זענען אויפגעשטאַנען פון די פּלעצער און האָבען דעם יובילאַר געמאַכט אַ פייער־ליכע אָוואַציע. עס האָבען קיין סוף נישט געקענט מען צו די אויסגעשריי׳ען יחי און הידד, אוסישקין, איז ווייזט אויס, געווען שטאַרק גערירט, אָבער ער איז געבליבען זיצען אויפ׳ן אָרט און זיך נישט גערירט פון דער שטעל. ס׳האָבען זיך געלאָזט מערקען זיינע בערימטע שטאַרקע נערוון, דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די רייה פון די רעדנער, דער בעסטער פאַרלאַמענט פון דער וועלט וואָלט זיך מיט אַזאַ רעדנער־שורה נישט געמעגט שעה־מען. איינער האָט איבערגעיאָגט דעם אַנדערען.

נאָך מאָצקינען האָט גערעדט סאָקאָלאָוו, דאָס איז געווען שוין דאָס וויפילסטע מאָל אויף דעם קאָנ־גרעס און ווידער האָט געבליצט זיין עספּרי, זיין אינטעליגענץ. זיין וויסען, סאָקאָלאָוו האָט אַזאַ מעלה אין זיין רעדען: אין יעדער רעדע מוז שטענדיג זיין אַ שטעלע, וואָס איבעראַשט מיט איהר גייסט־שאַרפזין, אַ שטעלע, וואָס רעדט מעהר ווי אַנדערע גאַנצע בענדער. אַזעלכע שטעלען זענען אויך גע־ווען אין דער רעדע וואָס איז געווען געווידמעט אוסישקינען. ווען סאָקאָלאָוו האָט געענדיגט און איז אַראָפּ פון דער טריבונע, איז ער צוגעגאַנגען צו אוסישקינען און האָט איהם האַרציג געקושט. דער קאָנגרעס איז ווידער גערייהים אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָט ביידע סעריאָען געמאַכט אַ שטור־מישע אָוואַציע.

נאָך סאָקאָלאָוון האָט גערעדט דער בעריהמ־טער אַמעריקאַנער רעדנער דר. סטיפען ווייז, ער רעדט אין גאָר אַנ׳אַנדערען סטיל. סאָקאָלאָוו איז שטענדיג אין זיינע רעדעס אַ פעליעטאָניסט, דר. ווייז איז אַ פּרעדיגער. דאָס כלי זין פון סאָקאָלאָוון איז וויץ, שאַרפזין, עספּרי. די וואָפען פון סטיפען ווייזן איז פּאַטאָס, קראַפט, סאָקאָלאָוו איז שטענדיג דער גייסטרייכער „קאָזער". ווייז דונערט און איז מוכיח. זיין שטים האָט אַנ׳אומגעהויערע קראַפט און טיפקייט. זי איז אָבער גלייכצייטיג ווייך און צאַרט. אַזעלכער איז ער טאַקע געווען אין מאָמענט, ווען ער האָט זיך געווענדעט צו מאָצקינען וועלכער האָט גראָד גערעדט מיט׳ן סעקרעטאַר: ער רייסט איבער זיין פּאַטעטישע רעדע, וועלכע איז אָנגעשטעלט אויף די העכסטע טענער און מאַכענדיג אַ רעווערענס אין דער זייט פון מאָצקינען, זאָגט ער צו איהם מיט אַ שמייכעל: מיסטער טשערמאַן (פאָרזיצער) איהר וועט ערלויבען איך וועל אייך איבער־רייסען!

ביי יודען איז בעקאַנט, אַז מען הויבט אָן רעדען הערט מען נישט קיין סוף. אַלע פראַקציעס און גרופּירונגען מוזען נעהמען דאָס וואָרט. עס רעדט אַלזאָ הרב מאיר בערלין, אין נאָמען פון מזרחי. אַ גוטער רעדנער, אַ גרויסער און שטאַרקער טעמ־פּעראַמענט. בעזיצט אַ מעכטיגע שטים. ער רוקט אַוועק דעם מיקראָפאָן, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די רעדנער. כדי צו פערשטאַרקען זייער שטים, הרב בערלין דאַרף נישט האָבען דעם מיקראָפאָן, מיט זיין קול בעהערשט ער דעם זאַל, ער האָט דעם פעהלער פון אַלע מזרחיסטישע רעדנער: רעדענדיג, שאָקעלט ער זיך אָהן אויפהער, זשעסטיקולירט און דערצו האָט ער נאָך אַ ספּעציפישען ניגון, אַז די רעדע קלינגט אַזוי ווי מען וואָלט זי געזונגען, און דאָס איז אַביסעל קאָמיש פון דער טריבונע. די זשעס־טיקולאַציע פון הרב בערלין איז אַזוי לעבהאַפט, אַז די קליינע יאַרמולקע וועלכע ער טראָגט אונבע־דינגט יעדער מזרחיסט, דראָהט יעדע ווייל אַראָפּצו־פאַלען איהם פון קאָפּ. ער כאַפּט זיך אַלזאָ יעדעס מאָל צום קאָפּ און זעצט צוריק די יאַרמולקע אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט צופּאַטליען זיך די געדיכטע האָר פון רעדנער, אַזוי אַז דער קאָפּ זעהט אויס ווי פאַנטאַסטיש צו־שויבערט, וואָסער קאָנטראַסט מיט דעם אַנדערען ראַבינער סטיפען ווייז. וועלכער זעהט אויס עלע־גאַנט, רוהיג, ווי אַ בעצויבערנדער אַלטער אַר־טיסט! אומגעהויערע גרויס זענען די קאָנטראַסטען אין יודענטום! די רעדע פון הרב בערלין האָט אָבער געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק, און ווען ער האָט גע־ענדיגט, איז בערלין נאָכמאַכענדיג סאָקאָלאָוו׳ן אויך צוגעגאַנגען צו אוסישקינען און האָט איהם גע־קושט.

נאָך דער דאָזיגער מזרחיסטישער קושעריי, האָט זיך אוסישקין געמוזט קושען נאָך מיט אַ צעהנ־דליג אויסגעצייכנעטע רעדנערס, פערדינסטפולע טו־ער, גרויסע מלוכה־מענער, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין — אַלטע יודען...

און אין די קולואַרען האָט מען גאַנץ הויך גע־שמועסט אַז דער בעל שמחה אַליין וואָלט בעסער ווע׳לען ווען אַ׳שטאָט די אַלע אַלטע קושערס וואָלט „וויזאָ" געוועזען דעלעגירט איין יונגע דעלעגאַטקע, וועלכע וואָלט ערפילט די שלוחות פון אַלעמען יונ־גען. אָבער וויזאָ האָט דאָסמאָל נישט ערפילט דעם „נאַציאָנאַלען חוב" און אוסישקין האָט זיך נאָך גע־מוזט קושען מיט מאָסינזאָנ׳ען, גרינבוימען און פיל אַנדערע אָנגעזעהענע ציוניסטען.

ווען די רייה פון די רעדנער און פון די קושערס איז אויסגעשעפּט געוואָרען, האָט דער קאָנגרעס אין אַ פייערליכער רעזאָלוציע וואָס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען דורך מאָצקינען פעסטגעשטעלט, אַז אוסישקין האָט זיך „גוט פערדינט פאַרן יודישען פאָלק"; און אַ תוך דעם האָט דער קאָנגרעס בע־שלאָסען אויף צו פעראייביגען אוסישקינ׳ס נאָמען דורך אויסבויען אין ארץ־ישראל אַ „כפר אוסיש־קין".

ווען דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַט די רעזאָלוציע, איז אוסישקין אויפגעשטאַנען פון אָרט און איז צו צו דער טריבונע. ווידער איז דער גאַנ־צער קאָנגרעס און דאָס פּובליקום אויפגעשטאַנען. די אָנוועזענדע האָבען דערזעהען אַ בילד, וואָס וועט זיכער ביי אַלעמען בלייבען אין זכרון: אויף דער הויכער טריבונע זענען געשטאַנען דריי מענ־שען: סאָקאָלאָוו, אוסישקין און מאָצקין. דריי מענ־שען, וועלכע רעפּרעזענטירען די געשיכטע פון ציו־ניזם, וואָס קוקען אויף אַנ׳אַרבייט פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט פאַר איין אידעע, מענשען, וועלכע זענען פערבונדען צווישען זיך מיט טראַדיציע, זכ־רונות פון די עלטסטע רוסישע ציוניסטישע צייטען דורך די צוזאַמענפאָהרען אין העלסינגפאָרס, קאָנגרעסען, וועלט־קריג, יודישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז א. אַ. וו. אַ שטיק לעבעדיגע יודישע געשיכטע, וואָס ווערט סימבאָליזירט אין די דאָזיגע דריי געשטאַלטען אין געשטאַנען פאַר׳ן קאָנגרעס.

אין איינפאַכע, האַרציגע און אויפריכטיגע ווער־טער האָט אוסישקין גערעדט צום קאָנגרעס. ער האָט גערופען צו זיין אויסהאַלטעוודיג, ווען אוסישקין האָט געענדיגט, האָט דער קאָנגרעס געזונגען זינ־גען „התקוה".

ד״ר א. ראָט.

קיין שום אימפעריאַליסטישע כוונות האָבען נישט די סאָוועטען לגבי פּוילען

די גרינדער און פיהרער פון סאָציאַליזם, מאַרקס, ענגעלס, לענין, סטאַלין זענען שטענדיג געווען פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון פּוילען

העכסט אינטערעסאַנטער און פּאָליטיש־וויכטיגער אַרטיקעל פון קאַרל ראַדעק אין „איזוועסטיאַ" און אין „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ"

קאַרל ראַדעק איז איינער פון די אָנגעזעהע־נסטע און פעהיגסטע סאָוועטישע פּאָליטיקער און פּובליציסטען און איינער פון די פיהרער פון דער קאָמוניסטישער אַרבייטער־בעוועגונג. מיט אַ קור־צער צייט צוריק האָט ער רעוויזיטירט דעם שעף־רעדאַקטאָר פון פּוילישען רעגירונגס־אָפיציאָז מיע־דזשינסקי. ראַדעק איז געווען אין פּוילען (ער איז אַליין אַ פּוילישער יוד) און איז אויפגענומען גע־וואָרען מיט גרויס כבוד. ער האָט בעזוכט אַ רייה ערטער אין פּוילען, גדיניע. און שרייבט איצט אַ בוך וועגען דעם, ווי מ׳האָט איהם אויפגענומען אין זיין ערשטער היימאַט. דער וויזיט גופא איז פער־שטייט זיך געווען אַ רעזולטאַט פון דער גאָר נייער פאַזע, אין וועלכער עס זענען אַריינגעטרעטען די פּויליש סאָוועטישע בעציהונגען, וועלכע זענען איצט נישט בלויז לאָיאַל, נאָר כמעט פריינדליך. אַלס אויסדרוק פון דער נייער פּאָליטיק איז נעכ־טען ערשינען אין אָרגאַן פון דער סאָוועטען רע־גירונג „איזוועסטיאַ" און גלייכצייטיג אין דער גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" אַנ׳אַרטיקעל פון קאַרל ראַדעק׳ן א.ג. „דאָס אויפגעלעבטע פּוילען און דער סאָווי־טען־פערבאַנד".

ראַדעק בעווייזט אין זיין אַרטיקעל, אַז די לאָיאַלע בעציהונגען פון די סאָוועטען צו פּוילען איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון מאָמענטאַלער קאָניונקטור, אַז פאַר דער אונאָפּהענגיגקייט פון פּוילען איז די מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישע בעווע־גונג געווען פון שטענדיג אָן, אַז דאָס סאָציאַליס־טישע רוסלאַנד איז בלויז געטריי די טראַדיציעס פון זיינע טעאָרעטיקער און האָט נישט לגבי פּוילען קיין שום פערכאַפּערישע טענדענצען.

ראַדעק הויבט אָן זיין העכסט אינטערעסאַנ־טען אַרטיקעל מיט פעררופען זיך אויף אַ קאָרעס־פּאָנדענץ פון אַטמאַר׳ן, דער מאָסקווער מיטאַרבעי־טער פון „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ". ערשט נישט לאַנג האָט אַטמאַר געשריבען וועגען די פּויליש־סאָוועטי־שע בעציהונגען:

„מיר קענען מיט אמתער סאַטיספאַקציע קאָנ־סטאַטירען, אַז דער סאָוועטען־פערבאַנד גייט נישט לגבי פּוילען מיט קיין שום פערכאַפּערישע טענ־דענצען. דאָס נייע רוסלאַנד נישט נאָר עס וויל נישט אויף דעם געביט זיין די יורשטע פון צאַ־ריזם, נאָר פערקערט, איך וואָלט געמיינט, אַז דער סאָוועטישער רעזשים קען ווערען דער מעכטיגסטער פערבינדעטער פון פּוילען געגען וועלכען עס איז נישט נאַציאָנאַליסטישען רוסלאַנד, וועלכער וואָלט אויף אַ נאַטירליכען אופן געווען אונזער ערגסטער שונא; אַ פאָרגעשמאַק דערפון גיבען אונז די בע־וואָפענטע עמיגראַנטישע אָפּטיילונגען אונטער די פעהנער פון היטלעריזם.

ראַדעק בעמערקט דערצו, אַז אַטמאַר געהער צום יונגען דור פּילסודטשיקעס, וועלכע האָבען נישט קיין טראַדיציעס פון קאַמף מיטן צאַריזם. ער, פונקט ווי אַ סך אין פּוילען, האָבען געהאַלטען, אַז די אויסלענדישע פּאָליטיק פון באָלשעוויזם קאָן נישט זיין קיין אַנדערע, ווי אַ פאָרזעצונג פון דער אַמאָליגער צאַרישער. אָבער ס׳איז גענוג געווען, אַז אַטמאַר זאָל פערברענגען אַ יאָהר אין סאָוועטען־פערבאַנד, און ער זאָל בעקומען אַ פונקט פער־קעהרטע איבערצייגונג.

אַטמאַר, שרייבט ראַדעק, ווייל׳ענדיג אין רוסלאַנד האָט נישט שטענדיג פערשטאַנען דאָס, וואָס קומט דאָרט פאָר. און ס׳איז נישט קיין וואונ־דער, ווייל ער נעהמט נישט קיין אַקטיווען אָנטייל אין גרענדיגען בוי פון סאָציאַליזם אין סאָוועטען־פערבאַנד און ס׳איז שווער צו פערשטעהן די גע־בורט פון דער נייער וועלט, שטעהענדיג אויסער איהר.

ראַדעק גייט דאַן איבער צום היסטאָרישען טייל פון אַרטיקעל. ער פעררופט זיך אויף די בעגרינדער פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, ברענגט ציטאַטען פון מאַרקס׳ן און פון ענגעלס׳ן וועלכע האָבען שטענדיג געפאָדערט די אונאָפּהענ־גיגקייט פון פּוילען און פאַר דער לאָזונג האָבען זיי דאָס גאַנצע לעבען געקעמפט. אויף דעמזעלבען שטאַנדפּונקט איז געשטאַנען לענין. ראַדעק ברענגט זעהר אינטערעסאַנטע ציטאַטען פון לענינ׳ען, וועלכע בעווייזען, אַז ער איז געווען פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון פּוילען און געגען דער פערשקלאַפונג פון פּוילען, פונקט ווי געגען דער פערקנעכטונג פון אַלע אַנדערע פעלקער.

אויך לענינ׳ס שילער זענען געשטאַנען אויפ׳ן זעלבען שטאַנדפּונקט. ער ציטירט דערביי סטאַלי־נען, וועלכער האָט אויך געשריבען וועגען דער אונאָפּהענגיגקייט פון פּוילען.

„דער קראַך פון צאַריזם, שרייבט ראַדעק, די קאַטאַסטראָפע פון דער האָהענצאָלערן־מאָנאַרכיע און פון די האַבסבורגס, דער נצחון פון רוסישען פּראָלעטאַריאַט איבער דער נאַציאָנאַליסטישער רו־סישער בורזשואַזיע און די פּריצים, דאָס אַלץ האָט געשאַפען בעדינגונגען פאַר דער אויפלעבונג פון פּוילען, און די פיהרער פון רוסלענדישען פּראָלע־טאַריאַט האָבען דערין איינגעזעהען נישט בלויז אַ היסטאָרישען פאַקט, מיט וועלכען מ׳דאַרף זיך צייטווייליג רעכענען, נאָר אַ פאַקט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ טייל פון דער גרויסער איבער־קעהרעניש, וועלכע ס׳לעבט דורך די וועלט, אַנ׳איבערקעהרעניש, וועלכע האָט פאַר זיך ווייטער־דיגע צילען, אָבער דערביי פערענדיגט זי די פּראָ־צעסען פון נאַציאָנאַלער בעפרייאונג, וועלכע זענען נישט דורכגעפיהרט געוואָרען אין דער צייט פון די בורזשואַזע רעוואָלוציע. דער סאָוועטען־פערבאַנד האָט אין פאַקט פון דער ענטשטייאונג פון אַנ׳אָפּהענגיגען פּוילען געזעהען די פעראייני־גונג פון אַ גרויסען פאָלק, וואָס זיין צוריסענקייט איז געווען דער רעזולטאַט פון רעאַקציאָנערע כוחות און וואָס האָט געקאָנט האָבען בלויז רעאַק־ציאָנערע פאָלגען".

ראַדעק שרייבט צום סוף, אַז די פיהרער פון דער אַרבייטער־רעוואָלוציע האָבען קיינמאָל נישט געלייקענט, אַז זיי וואָלטען וועלען דאַן אין די ראַהמען פון אַנ׳אָפּהענגיג פּוילען אַנ׳אַנדער סאָציאַלען אינהאַלט, אָבער זיי האָבען שטענדיג געהאַלטען, אַז די דעציזיע וועגען דעם געהערט אויסשליסליך דער פּוילישער אַרבייטס־וועלט".

אָט דאָס איז אין קורצען דער אינהאַלט פון ראַדעק׳ס אַרטיקעל. ס׳איז אָהן ספק, אַז די קלאָרע ווערטער פון אַזאַ איינפלוסרייכען סאָוועטישען פּאָליטיקער מיט׳ן מיטהעלפען צוצושטרייען די גע־בליבענע מיספערשטענדענישען און מיט׳ן גיין נאָך אַ שריט פאָראויס אין דער אַלץ פאָרטגייענדיגער דערנעהנטערונג צווישען די ביידע לענדער מיט אַלע גרויסע קאָנסעקווענצען פון אַזאַ דערנעהנטע־רונג פאַר דער גאַנצער אייראָפּעאישער פּאָליטיק.

די „שומרי־שבת" פאַר׳ן געריכט אין יפו

ירושלים, (י.ט.א.) דער שטעלפערטרעטער פון קרייז־קאָמיסאַר אין יפו, האָט אויף אַנ׳אַדמי־ניסטראַטיווען אופן בעטראַכט די אָנקלאַגע געגען 3 מיטגלידער פון דער חברה „שומרי שבת", וועל־כע זענען אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר פערזאַמלען זיך אויף דער גאַס אָהן אַנ׳ערלויבניש, שטעלען אַ ווידערשטאַנד דער פּאָליציי און שטערען די עפענטליכע רוה, שבת, פּרשת ראה (19. אויגוסט) די בעשולדיגטע האָבען נישט דערלאָזט קיין פאָהר־בעוועגונג אויף אַלענבי־גאַס אין תל־אביב. פערהאַלטענדיג אַלע דורכפאָהרענדע פּריוואַטע אויטאָס, מאָטאָציקלען און וועלאָסיפּעדען, וואָס זענען דורכגעפאָהרען פאַר דער גרויסער שוהל בעת אין שוהל איז פאָרגעקומען די תפילת שחרית. די בעשולדיגטע זענען דאַן געוואָרען אַרעסטירט און שפּעטער בעפרייט אויף קויציע ביז׳ן פּראָצעס. צווישען די בעשולדיגטע געפינען זיך אויך צוויי רבנים יעקב בערמאַן און מ. שיינין. די אַדמיני־סטראַטיווע געריכטס־פערהאַנדלונגען זענען געוואָ־רען אָפּגעלעגט אויף אייניגע טעג.

אַ דייטשער יוד פערמשפּט צו 5 יאָהר תפיסה

ווי זעהט אויס די דייטשע „גערעכטיגקייט"

בערלין (י. ט. א.) דער יודישער דרוקער־אַרבייטער יוליוס מייער, וועלכער איז בעזייטיגט געוואָרען פון זיין אַרבייט, איז דורכן געריכט פער־משפּט געוואָרען צו 5 יאָהר תפיסה. אין בעשולדי־גונגס־אַקט איז איהם געוואָרען פאָרגעוואָרפען, דאָס ער האָט אַריינגעוואָרפען פאַלשע מטבעות אין אַנ׳אויטאָמאַט פון פּאָסט־מאַרקען. דער בעשולדיגטער מייער זאָל כלומרשט האָבען זיך מודה געווען אין זיין פערברעכען. דער פּראָקוראָר האָט אין זיין רעדע געזאָגט, דאָס מייער איז וואַהרשיינליך געקו־מען צו דער איבערצייגונג, אַז די דייטשע יודען איז מעהר נישט געבליבען צו טון אין דייטשלאַנד, ווי בלויז צו בעשווינדלען די מלוכה". דער פּראָ־קוראָר האָט געפאָדערט אָנווענדען לגבי דעם אָנ־געקלאָגטען די העכסטע שטראָף. ערקלעהרענדיג „אויב אַ יוד לערנט זיך לויט די יסודות פון דער יודישער תורה צו זיין אַ גנב און גזלן, דאַרף דאָס דייטשע געריכט אָנווענדען די זעלבע פּרינציפּען לגבי די יודען.

מיטוואָך
30
ח׳
אלול תרצ״ג

אויגוסט

זון-אויפגאַנג 4.44
זון-אונטערגאַנג 6.22

רעגיסטראַציע פון יאָר-גאַנג 1915

(א) פרייטאָג, דעם 1 סעפּטעמבער ה.י. הויבט זיך אָן אין מיליטער-ביוראָ אויף פּיעטריקאָווער 165 די רעגיסטראַציע פון מאַנספּערשוינען, וואָס זענען געבוירען אין יאָהר 1915.

אין ערשטען טאָג דאַרפען זיך מעלדען די מאַנספּערשוינען פון יאָהרגאַנג 1915, וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1 קאָמיסאַריאַט און זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט די אותיות:

A, B, C, D, E, F, G

אין די וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פון 7-טען קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען-נעמען

A, B, C, D, E, F

ווער ס'וועט זיך נישט מעלדען צו דער רעגיסטראַציע אין פאַרשפּרעכענדען טערמין וועט אַדמיניסטראַטיוו בעשטראָפט ווערען מיט 3000 זל. שטראָף אָדער 3 חדשים אַרעסט.

ד"ר שיפּמאַן צוריקגעקומען

דער אָרדינאַטאָר פון פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל, ד"ר שיפּמאַן איז צוריקגעקומען פון זיין אורלויב.

בעריכטיגונגען

אין דער ערקלעהרונג פון פאָרזיצער פון צענטראַלען האַנדווערקער-פאַרבאַנד אין וואַרשא ה׳ ה. ראָסנער וועגען האַנדווערקער-קאָנגרעס, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער נעכטיגער האַנדווערקער-ביילאַגע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" איז אַריינגעפאַלען אַ פאַרדריסליכער טעות.

אין דער לעצטער שפּאַלטע פון אַרטיקעל ווערט געזאָגט: „צואיילענדיג זיך זעהר שטאַרק צו בעקומען דעם דאָזיגען מאַנדאַט, האָבען זיי אין פאַרשטענדיגונג מיט דער וואַרשאַווער צענטראַלע פאַרשאַכערט 2 מאַנדאַטען".

ס'האָט געדאַרפט זיין: „צואיילענדיג זיך זעהר שטאַרק צו בעקומען דעם דאָזיגען מאַנדאַט האָבען זיי אָהן פאַרשטענדיגונג מיט דער וואַרשאַווער צענטראַלע, פאַרשאַכערט 2 מאַנדאַטען.

* * *

אין דער זעלבער ביילאַגע איז פאַרהאַן אַ נאָטיץ וועגען דער גרינדונג פון אַ קאָאָפּעראַטיוו פון 86 יודישע קליינע פאַבריקאַנטען. ס'האַנדעלט זיך וועגען גאַבעלין-פאַבריקאַנטען און נישט וועגען זאָקען-פאַבריקאַנטען, ווי ס'איז על פי טעות אָנגעגעבען געוואָרען אין דער נאָטיץ.

זעלבסטמאָרד און אַרעסט

(2) אין דעם סולעיאָווער שטאָטישען אַרעסט האָט מען אַריינגעזעצט פאַר גאַסען-סקאַנדאַלען דעם דאָרטיגען איינוואוינער יוליאַן סאַדאָווסקי.

בעת מעשה איז סאַדאָווסקי געווען שטאַרק שיכור, און ער האָט זיך דאָס פאַרשפּאַרען איהם אין אַרעסט אזוי שטאַרק גענומען צום האַרצען, אַז מיט אַ מעסער, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט, האָט ער זיך געמאַכט צוויי טיפע וואונדען אין דער ברוסט.

דעם פאַרוואונדעטען האָט מען אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

* * *

(2) אויף קאָמאַרניקי 24 (כאַיני) האָט זיך נעכטען גע'סמ'ט די 27-יעהריגע העלענאַ דאָמאַגאַלסקאַ. די סיבה — נערווען-ערשיטערונג.

פאַגאָטאָוויע האָט זי אָפּגעפיהרט אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל.

אָרטאָפּעדישער אַנשטאַלט

פּראָטעזען, גאָרסעטען, אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען אַלער אַרט, לייכטע פּלאַטפוס-איינלאַגען בעגען פּיס-ספּרעצען אַלס נאָך גיפּס-אָבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פּיעטריקאָווער 119, טעל. 231-81

קאַנדידאַטען-רשימה צו די שאַצונגס-קאָמיסיעס

שטעלט צונויף די לאָדזער האַנדעלס-קאַמער

אויף דער זיצונג פון דער שטייער-קאָמיסיע ביי דער לאָדזער האַנדעלס-קאַמער, איז צווישען אַנדערען בעטראַכט געוואָרען די אַקציע, וואָס דאַרף אַדורכגעפיהרט ווערען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסמעסטונג פון הכנסה-שטייער, וואָס דאַרף בקרוב פאָרקומען. ס'איז אויך גענומען געוואָרען צו קענטניש די ערקלערונג, אַז די האַנדעלס-קאַמער גרייט צו אַ קאַנדידאַטען-ליסטע פון אַ העלפט מיטגלידער פון די שאַצונגס קאָמיסיעס פאַר'ן אומזאַץ-שטייער, וועמענס קאַדענץ ס'ענדיגט זיך איצט.

אויף דער זיצונג פון דער קאָמוניקאַציע-קאָמיסיע, איז אויך בעטראַכט געוואָרען די ווענדונג צום באַהן-מיניסטעריום וועגען קוואַרטאַל-בילעטען אויף די באַהנען מיט 50 פּראָצ. הנחה.

די האַנדעלס קאַמער האָט אויך אויסגעאַרבייט אַ מעמאָריאַל צום פינאַנץ-מיניסטעריום בנוגע געוויסע שטייער-פראַגען ביים אויסמעסטען דעם הכנסה-שטייער. ס'האַנדעלט זיך וועגען דעם אופן פון אָפּרעכענען פון די הכנסה פון אינוועסטיציעס. די פינאַנץ-אַמטען האַלטען, אַז מאַשינען און מאַשינען-טיילען ווערט נישט בעטראַכט פאַר קיין אינוועסטיציע. די האַנדעלס-קאַמער וועט וועגען דעם ענין צושיקען אַ מעמאָריאַל צום פינאַנץ-מיניסטעריום.

אַז זי האָט אויסגעשטעקט די צונג

איז דאָך גאָר עפּיס אַנדערש — נישט וואָהר?

(2) דער 50-יעהריגער סטאַניסלאַוו אַדאַמיאַק האָט געהאַט עפּיס פאַרשידענע פינאַנציעלע געשעפטען מיט דער 54-יעהריגער מאַריאַ פּאַווליצקאַ.

ווייזט אויס, אַז די פּאַווליצקאַ איז אַדאַמיאַקס וואַזשנע דערגאַנגען די יאָהרען, אויב ער האָט זי געמוזט אָנקלאָגען אין געריכט, און פאָדערען גערעכטיגקייט.

די פּאַווליצקאַ איז אָבער נישט פון די צוויי פאַר אַ גראָשען, און זי האָט זיך אין געריכט אַזוי שאַרף פאַרטיידיגט, אַז מ'האָט זי ריין-געוואַשען פון יעדער בעשולדיגונג.

בעת אָבער דער ריכטער האָט איבערגעלייענט דעם אורטייל, אַז די פּאַווליצקאַ איז פריי-געשפּראָכען, האָט אַדאַמיאַק זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען פאַר עגמת-נפש, און האָט איהר אָפּגעמאָסטען, אזא פייערדיגען פּאַטש, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען מען קלינגט אויף חגא...

דערפאַר האָט ער פון דעמזעלבען געריכט בעקומען אַ פּסק — 6 חדשים טורמע, און אין אורטייל איז צוו. אַנד. געזאָגט געוואָרען פאָלגענדעס:

„מען קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלען אַ מעהר אומאַנשטענדיגען אויפפיהרען זיך אין אַ מלוכה-אַמט, ווי אַ געשלעג, ובפרט אין אַ געריכט, וואָס איז אַ טעמפּעל פון גערעכטיגקייט, בעת עס ווערט אויסגעטראָגען אַן אורטייל אין נאָמען פון דער פּוילישער רעפּובּליק".

נעכטען, אין קרייז-געריכט. אַלס אַפּעלאַציע-אינסטאַנץ, איז דער אורטייל סקאַסירט געוואָרען אויפ'ן סמך, וואָס די פּאַווליצקאַ האָט אַרויסגעשטעקט די צונג אַדאַמיאַקן. בעת מ'האָט געלייענט דעם אורטייל.

אזא אַלטע בחור'טע — אַ-בע גייט זי מאַכען!

בּיליגער אויספלוג קיין פּראָג אויפ'ן יריד

דאָס היגע רייזע-ביוראָ פון „וואַגאָן-לי-קוק" אָרגאַניזירט אַן אויספלוג קיין פּראָג אויפ'ן יריד.

אָפּפאָהר פון לאָדז קומט פאָר דעם 2 סעפּטעמבער 5.40 נאָכמיטאָג, צוריקקום דעם 11 סעפּטעמבער, דער פּרייז אין ביידע זייטען צוזאַמען מיט די פּעסער, אין 3-טער קלאַס איז 140 זל.

די אָנטיילנעמער אין אויספלוג בעקומען גלייכצייטיג אַ פּרייען בילעט אויף מעהרערע מאָל אַריינצוגיין אויפ'ן יריד, ס'איז כדאַי אַז די לאָדזער סוחרים זאָלען אויסנוצען די געלעגענהייט כדי צו בעזוכען דעם פּראַגער יריד.

איינשרייבונגען נעמט אָן דער היגער „וואַגאָן-לי-קוק" פּיעטריקאָווער 64, ביז'ן 30 ד. ח.

ביים איינשרייבען זיך מוז מען מיטברענגען פאָלגענדע דאָקומענטען: אַ פּאַס, 2 פאָטאָגראַפיעס און אַ בעשייניגונג פון הויז-ווירט.

בּיליגער אויספלוג קיין וואַרשא

אויף מאָרגען דאָנערשטאָג דעם 31 ד.ח. אָרדענט איין דער היגער „וואַגאָן-לי-קוק" אַ ביליגען אויספלוג קיין וואַרשא.

אָפּפאָהר מאָרגען דאָנערשטאָג 7.28 פריה פון קאַלישער באַהן, אָפּפאָהר פון וואַרשא דעמזעלבען טאָג אין די אָוונט-שעה'ן.

דער פּרייז אין ביידע זייטען איז 10 זל.

בילעטען צו בעקומען אין רייזע-ביוראָ פון „וואַגאָן-לי-קוק" פּיעטריקאָווער 64, פון 9 פריה ביז האַלב 2 מיטאָג און פון 3 ביז 8 אָוונד.

בּיליגע אויספלוגען קיין ווילנא און גדיניע

דער היגער „וואַגאָן-לי-קוק" אָרגאַניזירט אין די לויפענדע וואָך 2 ביליגע אויספלוגען קיין ווילנא און קיין גדיניע.

קיין גדיניע, אָפּפאָהר פרייטאָג דעם 1-טען סעפּטעמבער 9.25 אָוונד פון קאַלישער באַהן מיט אַ דירעקטען צוג, און נומערירטע פּלעצער.

דער פּרייז אין 3 קלאַס 18 זל. 2 קלאַס 27 זל.

קיין ווילנא, אָפּפאָהר שבת דעם 2 סעפּטעמבער 7.30 אָוונד פון פאַבריק'ס באַהן, אַרויספאָהר פון ווילנא, מאָנטאָג 8.45 אָוונד.

דער פּרייז אין ביידע זייטען איז 23,80 זל.

בילעטען קען מען בעקומען אין ביוראָ פון וואַגאָן-לי-קוק" פּיעטריקאָווער 64. פון 9 פריה ביז האַלב 2 מיטאָג און פון 3 ביז 8 אָוונד.

איינטאָגיגער אויספלוג קיין ספּאַלאַ

דעם 3 סעפּטעמבער קומען פאָר פייערליכע דאָזשינקעס אין ספּאַלאַ ביים מלוכה-פּרעזידענט, כדי צו געבען די מעגליכקייט די ברייטע מאַסען פון דער היגער בעפעלקערונג אָנטייל צו נעמען אין דער פייערליכקייט, אָרדענט איין דער היגער „וואַגאָן-לי-קוק" אַן איינטאָגיגער אויספלוג קיין ספּאַלאַ.

אָפּפאָהר פון לאָדז אין די פריהמאָרגען-שעה'ן צוריקקום, דעמזעלבען טאָג אין די אָוונד-שעה'ן. דער פּרייז אין ביידע זייטען איז גאָר 3.50 זל.

בילעטען צו בעקומען אין רייזע-ביוראָ פון „וואַגאָן-לי-קוק" פּיעטריקאָווער 64.

ביי די גאַזאָווניע-אַרבּייטער

לוין-רעדוקציע און רעדוקציע פון דער אורלויב-צייט

(2) לעצטענס האָט די אָפּשאַצונגס-קאָמיסיע ביים לאָדזער מאַגיסטראַט אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג וועגען רעדוצירען די אַרבייטער-לוינען אין דער גאַזאָווניע אויף 15 פּראָצענט, צו קירצען די אורלויב-צייט פון 4 אויף 2 וואָכען יעהרליך.

לויט עתה זענען די אַרבייטער איינגעגאַנגען בלויז אויף דאָס לעצטע, ד. ה. אויף 2 וואָכען אורלויב-צייט, אָבער דאָס אויך בתנאי, אַז די לוינען וועלען רעדוצירט ווערען בלויז אויף 10 פּראָצענט און נישט אויף מעהרער.

אַ מאַניפעסטאַציע פאַר „אַרט" און פאַר משה בּראָדערזאָנען אין ווילנע

דער לאָדזער „אַרט" שפּילט אין ווילנע. אין לעצטען נומער פון ווילנער „דער טאָג" לייענען מיר:

די שבת-צו-נאַכטיגע פאָרשטעלונג אין „אַרט" איז אַדורכגעגאַנגען אויסערגעוועהנליך גוט. דער „אַרט" גיט איצט אַ פאָרשטעלונג, צוזאַמענגעשטעלט פון די בעסטע נומערן פון די ערשטע צוויי פּראָגראַמען. אַנ'עולם איז געווען אַ גרויסער. די פאָרשטעלונג האָט געקלאַפּט אויסגעצייכענט און איז דורכ'ן עולם אויפגענומען געוואָרען זעהר וואַרעם.

אָבער אַ בעזונדערס יום-טוב'דיגע שטימונג איז געוואָרען, ווען דוד בירנבוים האָט אָנזאָגענדיג אַ נייעם נומער אויך אָנגעזאָגט דעם עולם אַ נייעס, אַז אין טעאַטער געפינט זיך דער דיכטער און קינסטלערישער אָנפיהרער פון „אַרט", משה בּראָדערזאָן. דער עולם האָט דאָס אויפגענומען מיט אַ שטורמישער אָוואַציע און האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט בערוהיגען, אַזוי אַז משה בּראָדערזאָן האָט געמוזט אַרויסגיין פאַר'ן פאָרהאַנג און ריידען עטליכע ווערטער. און ערשט דאַן האָט דער עולם געמאַכט בּראָדערזאָנען די אמת'ע אָוואַציע, וואָס האָט גאָרנישט געוואָלט אויפהערען.

בּראָדערזאָן איז געווען שטאַרק גערירט פון דער הערציגער אויפנאַהמע און האָט דאָס געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין קורצען וואָרט.

דער שבת'דיגער אָוונד אין „אַרט" איז געווען אַ בעווייז, אַז מען ווייסט נאָך ביי אונז אָפּצושאַצען פיינע יודישע קונסט און אַ פיינעם יודישען דיכטער.

דער אַלפרעד און דער גוסטאַוו

דאָס זינד — פאַרשטעהען זי — נעטע און פיינע בּורשען!

(2) נעכטען זענען פאַר'ן קרייז-געריכט געשטאַנען די צוויי יונגע-לייט: דער 20-יעהריגער אַלפרעד ראַל (נאַוראָט 29) און זיין קאָלעגע דער 19-יעהריגער גוסטאַוו שאַרף.

בעשולדיגט זענען זיי געוואָרען אין דעם, אַז זיי האָבען „שטאַרק אויסגענוצט" די 20-יעהריגע אילאַריאַ כאַנטאַ, וועלכע וואוינט אין דעם זעלבען הויז.

אילאַריאַ כאַנטאַ איז אַ גייסטיג קראַנקע, און אָט די פייגעל-בחורים פלעגען מיט איהר אַדורכפיהרען עראָטישע אָרגיעס.

זיי האָבען זיך דערביי אַזוי איינגעאָרדענט, אַז אַ לענגערע צייט האָט קיינער וועגען דעם גאָרנישט געוואוסט.

ערשט דאַן, ווען דאָס אומגליקליכע מיידעל האָט געזאָלט ווערען מוטער — האָט זיך איהר משפּחה אָנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט איהר פּריוואַט לעבען, און מען איז דערגאַנגען די גאַנצע מיאוס'ע מעשה.

דער נעכטיגער פּראָצעס איז פאָרגעקומען ביי פאַרמאַכטע טירען, אונטער'ן פאָרזיץ פונ'ם וויצע-פּרעזעס, ריכטער איליניטש.

נעהמענדיג אָבער אין בעטראַכט די יונגע יאָהרען פון די בעשולדיגטע און זייער ביז-איצטיגער אומבעשטראָפטקייט האָבען זיי בעקומען אַ פּסק-דין — צו 6 חדשים טורמע מיט'ן אָפּלייגען די שטראָף.

יאָ = יאָ, אַ שאָד, וואָס אַזעלכע יונגע „כחות" (נישט-סטערילזירטע) גייען אין ניוועץ אין לאָדז. אינ'ם איצטיגען דייטשלאַנד וואָלטען זיי בעקאָנט מאַכען אַ קאַריערע...

Dr. med.

Czarnożył

POWRÓCIŁ

AL. KOSCIUSZKI 69, tel. 224-94.

Godziny przyjęć od 9-10 i od 4-6 popoł.

פליכט צו רעמאָנטירען דירות

אין לעצטען „רעכט און לעבען" האָבען מיר געזאָגט, אַז אַ הויזווירט איז מחויב איבערצוגעבען אין רשות פון אַ לאָקאַטאָר די געדונגענע דירה אין אַ גוטען צושטאַנד. פיל ווירטסלייט, פאַרדינגענדיג אַ לאָקאַל, רעדען זיך באַלד אויס מיט'ן לאָקאַטאָר, אַז ער זאָל דעם נויטיגען רעמאָנט דורכפיהרען אויף זיין אייגענעם חשבון. פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע ווירטסלייט, וועלכע פאַרפליכטען זייערע נייע לאָקאַטאָרען דורכצופיהרען אַלע זעמטליכע רעמאָנטען אין משך פון דער גאַנצער צייט, כל זמן זיי וועלען די געדונגענע דירות פאַרנעמען.

אויב אין ערשטען פאַל קען נאָך אַזאַ בעדינג דערלאָזט ווערען קען שוין לגמרי נישט זיין קיין רייד וועגען דעם, אַז דער הויזווירט זאָל אויף שטענדיג אַרויפוואַרפען די פליכט צו רעמאָנטירען די פאַרדונגענע דירה אויף די פלייצעס פון לאָקאַטאָר. אַזעלכע אָפּמאַכען זענען נישט און קענען נישט זיין פאַרפליכטענד. סיידען דער לאָקאַטאָר בעקומט דערפאַר אַ געהעריגע פאַרגיטיגונג למשל: דער הויזווירט לאָזט איהם עפּעס אַראָפּ פון דירה־געלט אָדער ער גיט איהם אַן אַנדערע הנחה.

דער הויזווירט איז אַלזאָ מחויב דורכצופיהרען יעדען גרעסערען רעמאָנט אין די פאַרדינגענע דירות (נייע וואַנד, סופיט, פאָדלאָגע א.א.וו.) דער לאָקאַטאָר דאַרף אָבער וויסען, ווי אַזוי דעם הויזווירט דערצו צו באַוועגען.

קודם כל מוז גערופען ווערען אַ קאָמיסיע פון דער וואוינונגס־אינספּעקציע, בזי מאַכט אָדער פון סאַניטאַרען־דאָזור, אַז זי זאָל פעסטשטעלען, וואָס פאַרע רעפּעראַציעס עס דאַרפען דורכגעפיהרט ווערען אין דער בעטרעפענדער וואוינונג. בעקומענדיג אַזאַ פעסטשטעלונג, איז דער לאָקאַטאָר מחויב אויפצופאָדערן דעם הויזווירט, אַז ער זאָל דעם נויטיגען רעמאָנט דורכפיהרען, וואָס שייך דעם אופן פון אַזאַ אויפפאָדערונג איז געוויס בעסער רעקאָמענדאַל, אין ערנסטען פאַל שאַדט אויך נישט, אַז דאָס ווערט געמאַכט דורך עדות. נאָך בעסער, ווען דעם לאָקאַטאָר געלינגט אַרויסצובעקומען פון דער בעטרעפענדער אינטערעסירענדער מאַכט אַ בעשטעטיגונג, אַז אַזאַ אויפפאָדערונג איז דורך דער זעלבער מאַכט געמאַכט געוואָרען.

אויב די אויפפאָדערונג ווירקט נאָך אַלץ נישט אויפ'ן הויזווירט, דאַרף דער פאַראינטערעסירטער לאָקאַטאָר ברענגען אַ פאַכמאַן, וועלכער זאָל צוזאַמענשטעלען אַ גענויען קאָסטאָריס און שפּעטער איינקלאָגען דעם הויזווירט אין געריכט, אַז מ'זאָל איהם פאַרפליכטען צו מאַכען דעם געהעריגען רעמאָנט אָדער בעפולמעכטיגען איהם דעם לאָקאַטאָר, דורכצופיהרען דעם רעמאָנט אויפ'ן חשבון פון הויזווירט. די אַלע אויסגערעכענטע דאָקומענטען דאַרפען צו דער בקשה בייגעלייגט ווערען.

קוים האָט דער לאָקאַטאָר דורכגעפיהרט אַליין דעם רעמאָנט אָהן דער געריכטליכער פּראָצעדור קען ער צוריקפאָדערן פון הויזווירט די קאָסטען אָדער זיך אָפּרעכענען פון לויפענדען דירה־געלט נאָך דעמאָלט, ווען ער בעווייזט, אַז דער דורכגעפיהרטער רעמאָנט איז געווען נויטווענדיג און, אַז ער האָט געקאָסט און געמוזט קאָסטען די געפאָדערטע סומע.

א.

א „מלחמה" מיט העק און מעסער'ס

האָט זיך נעכטען אָפּגעשפּילט אין כאַיני

(2) אין כאַיני איז נעכטען פאָרגעקומען אַ „בלוטיגע מלחמה", וואו אויפ'ן „שלאַכט־פעלד" זענען געבליבען צוהרגעטע און צושמעטערטע.

געשעהען איז עס אויף דער זגאַווסקאַ גאַס. דאָרט וואוינען צוויי שכנים, לעאָנאַרד קיבעל (זשגאַווסקאַ 66) און יוזעף קושמינסקי (זשגאַווסקאַ 55). ביידע האָבען די בעדנע־וואַרשטאַטען, צווישען ביידע קאָנקורענטען איז אָפט געקומען צו סכסוכים.

נעכטען האָבען ביידע קאָנקורענטען „מאָביליזירט" זייערע כוחות. בעת קיבעל איז מיט זיין פאַמיליע נעכטען אַדורכגעגאַנגען די זשגאַווסקאַ גאַס, זענען זיי בעפאַלען געוואָרען פון קושמינסקי'ס לייט מיט סאַפּע־ס, און גענומען שטעקען אויף רעכטס און לינקס.

אין אָוונט, זענען זיך צוזאַמענגעקומען ק.'ס לייט און מ'האָט זיך געלאָזט מיט העק און מעסער'ס, און די „מלחמה" האָט זיך צופלאַקערט.

די פּאָגאָטאָווי'ע האָט געהאַט דאָס אמת'ע שטיקעל אַרבייט. 4 שווער־פאַרוואונדעטע זענען אין אַ לעבענס־געפעהרליכען צושטאַנד, אָפּגעפיהרט געוואָרען אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאַל, עטליכע לייכט פאַרוואונדעטע זענען געבליבען אויפ'ן אָרט.

די אַנטיילנעמער, וואָס זענען ביצהל געוואָרען פון מעסער'ס, זענען אַרעסטירט געוואָרען.

„ענערגישע" אינקאַסאָ...

זיי קומען קיין לאָדז און שלאָגען זיך אויס די הוצאות

(א) דער וואַרשאַווער איינוואוינער יוליוש סטאַניטשעק (וואַרשע, שוו. קשיסקע 18) איז בעליבען, נאָך אַן אָפּרעכענונג, שולדיג זיינע געוועזענע שותפים: אַדאַם באַראַוויאַק, סטאַניסלאַוו מאַרטשינאַווסקי און אַנטאָני מאַלינאַווסקי'ן פון לובלין 3500 זלאָטעס, פון וועלכע ער האָט בעדאַרפט צאָלען 6 פּראָצענט חודשליך.

אַזוי ווי סטאַניטשעק האָט אין משך פון'ם יאָהר נישט געצאָהלט נישט די פּראָצענטער און נישט דעם חוב, האָבען די אַנגערופענע געשמאַטעוועט אויף איהם אַזוי לאַנג ביז זיי האָבען זיך דערוואַרט. אַז ער [illegible] אַרויסגעפאָהרען קיין לאָדז און דאָ האָבען זיי איהם געפּאַקט, בעת ער איז געגאַנגען פון דער באַהן און איהם זעלבדריט בעפאַלען אויף די אוניע־אַלעען.

קודם האָבען זיי איהם מקיים פסק געווען מיט די גאַר געהויבענע קלעפּ, צוגענומען ביי איהם אַ גילדערנעם זייגער, אַ וואַליזקע מיט זאַכען און 100 זלאָטעס אין מזומן, וואָס בסך הכל האָט עס דעם ווערט געהאַט פון 1000 זלאָטעס.

דעם צושלאָגענעם האָבען ערטיילט הילף די דורכגייער, און פּאָליציי האָט אַרעסטירט די „ענערגישע אינקאַסענטען".

נעכטען האָבען זיי זעלבדריט בעקומען פון שטאָטישען געריכט אַ פּסק — צו 1 יאָהר טורמע יעדערער.

א קעלבערישער עניז

עס טרעפען מאָמענטען, ווען פאַר דער עוולה פון קעלבער ווערט מעהר געזאָרגט, ווי פאַר דער עוולה פון מענשען...

(2) דעם 8 יוני ה. י. האָט דאָס שטעטישע געריכט פאַרמשפּט דעם קצב בערל נאָוואַק אויף 7 טעג אומבעדינגטען אַרעסט דערפאַר, ווייל די קעלבער, וואָס ער האָט געפיהרט צו שחיטה, האָט ער טראַנספּאָרטירט אויף אַ נישט־הומאַניטאַרען אופן — ד. ה. ער האָט זיי צופיל אַנגעפּאַקט אין וואָגען, אַ שמייגער, ווי די הערינג אין אַ פעסעל..

נעכטען האָט דאָס קרייז־געריכט, אַלס אַפּעלאַציע־אינסטאַנץ, דעם ערשטען אורטייל בעשטעטיגט, אָבער אָפּגעלייגט זיין אויספיהרונג אויף אַן'אומבעשטימטער צייט.

ספּעציעלע ערשטקלאַסיג־איינגעאָרדענטע מאַגאַזינען צו לאַגערן סחורות

דאָס גוט בעקאַנטע עקספּעדיציאָנס־הויז ר. סאָבאָל, פּיעטריקאָווער 6, וועלכעס עקזיסטירט זייט דעם יאָהר 1916, האָט געעפענט אַ ספּעציעלע מאַגאַזין צו לאַגערן סחורות.

דער מאַגאַזין, וועלכער געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון שטאָט (פּיעטריקאָווער 6 טעל. 153,96) איז אַסעקורירט פון פייער און גנבה, אַ נייעס איז איינגעאָרדענט געוואָרען דערמיט, וואָס מ'קען דינגען אויך ספּעציעלע צימערן. אין די לאַגערן געפינט זיך אויך אַ ספּעציעלע שפּייז־אָפּטיילונג צום אויסזאַקען.

די מאַגאַזינען זענען פאַרזעהן מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען ווי: קראַפט־ווינדעס, לאַסט־אויטאָס, פּלאַטפאָרמעס, מיט וועלכע די סחורות ווערען אָפּגענומען און אָפּגעשיקט ווי אמגיכסטען צו די קליענטען.

רעכענדיג אויף אַ גרויסען אומזאַץ זענען די פּרייזען קאַלקולירט ווי אַמביליגסטען.

ברויט ווערט נישט דערווייל ביליגער

(2) נעכטען איז אין מאַגיסטראַט פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וועגען ביליגער מאַכען די פּרייזען אויף מעהל און געבעקס.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען דערווייל נישט ביליגער צו מאַכען דאָס געבעקס.

פאַר די ירידים אין פּראַג

אין לאָדז בעקומט מען טשעכאָסלאָוואַקישע לעגיטימאַציעס

פון 3־טען און 10־טען סעפּטעמבער קומען פאַר די ירידים אין פּראַג, וואו ס'וועלען זיין פאַרטרעטען פירמעס פון פאַרשידענע לענדער אין אויסלאַנד.

לעגיטימאַציעס, וועלכע פאַרטרעטען טשעכישע וויזעס, איז צו בעקומען ביי ה' הייקע אין לאָדז, פּיעטרקאָווער 82. אויף די לעגיטימאַציעס בעקומט מען אַ 50 פּראָצ. באַהן־הנחה אויף די טשעכישע באַהנען און 33 פּראָצ. אויף די פּוילישע באַהנען.

אָפּגעצייכענטע דורך פ.א.ס.

(א) אויף דעם ספּאָרט־פּלאַץ אין רודאַ־פּאַביאַניץ, האָט נאָך עטליכע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען בעקומען אַן אויסצייכענונג פון פ.אַ.ס. (פּאַנסטוואָוואַ אַזנאַנקאַ ספּאָרטאָוואַ) דער עלטסטער ספּאָרטלער אין פּוילען, דער 65־יאָהריגער ד״ר זבראָמיערסקי — לייטער פון אַ קראַנקען־קאַסע אַמבולאַנג אין לאָדז.

דיזעלבע אָפּצייכענונג האָבען גלייכצייטיג בעקומען: דער רעזשיסער אַלעקסי רזשעווסקי און דער שוועדישער קאָנסול מאַקס קאָהן.

5־טע און 9־טע סימפאָניע היינט אין העלענאָוו

צוליב דעם שלעכטען וועטער איז דער קאָנצערט פון דער 5 טער און 9־טער סימפאָניע, וועלכער האָט געזאָלט פאָרקומען די פאָריגע וואָך, אָפּגעלייגט געוואָרען אויף היינט, מיטוואָך.

אין קאָנצערט נעהמען אַנטייל בעקאַנטע סאָליסטען פון וואַרשע, געמישטער כאָר פון „הזמיר" און פאַרגרעסערטער פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער.

ד״ר מעד.
מ. העלער
ספּעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע
צוריקגעקעהרט
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 17989.
נעמט אָן ביז 10 פריה און פון 4—8 אָוו.
פאַר פוילען אַ ספּעציעלע וואַרטע־זאַל
אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פּרייזען!

Dr. med.
Z.Rakowski
ספּעציאַליסט פאַר אויערען, נאָז, האַלז
און לונגען־קראַנקהייטען
וואוינט יעצט
פּיעטריקאָווער 67, טעל. 127-81
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעהמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17
פון 11—1 און פון 2—3 נאָכמ.

ר. איזראעל

דירעקטאָר אַדאָלף גאָלד

סענסאַציאָנעל־שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען

35

אַדאַ און גראַף ראַשעוויטש האָבען ווייטער געפלוידערט, דער גראַף האָט געקענט פאַרווילען „איינזאַמע" פרויען, ער איז שוין געווען אין דער גאַנצער וועלט און גענוג געלד פאַרהוליעט, אַז ער זאָל זיך נישט וויסען ווי אַזוי צו בעגעהן מיט פרויען. ער האָט איהר כסדר געזאָגט קאָמפּלימענטען און געזוכט דאָס שוואַכסטע אָרט ביי דער דאַמע, כדי טאַקע דאָרט אַנצוגרייפען. ער איז געשפּרונגען פון איין טעמע אויף דער צווייטער און האָט אָבסערווירט מיט וואָס אַדאַ אינטערעסירט זיך און צו וואָס זי בלייבט גלייכגילטיג. ערשט דעמאָלט ווען ער האָט זי שוין אינגאַנצען פאַרשטאַנען איז דער גראַף ערשט אַריין אין קוראַזש און אַנגעהויבען צו דערצעהלען איין וויץ נאָכ'ן אַנדערען, אַזעלכע פון וועלכע אַדאַ האָט שטאַרק געלאַכט, און זי געווילט, דאַן האָט דער גראַף זיך שוין ערלויבט צו נעהמען איהר האַנד אין זיינע אַריין, זי גלעטען און קושען.

אַדאַ האָט נישט פּראָטעסטירט, פאַרקעהרט, זי איז געווען שטאַרק צופרידען וואָס איהר האָט זיך איינגעגעבען צו געפינען אַזאַ געזעלשאַפט, כדי קענען פאַרטרייבען די צייטען, וועלכע זענען ביי איהר אָנגעשטרענגט געוואָרען אין וואַרשע.

גראַף ראַשעוויטש האָט אויסגענוצט די סיטואַציע. ער האָט זיך אַלץ מעהר צוגערוקט צו אַדאַ, זיך צוגעטוליעט צו איהר אַזוי אַז זי האָט דאָס אַפילו נישט געמערקט. דער אָוונד איז צוגעפאַלען, אין קופּע איז געוואָרען פינסטערליך, דער גראַף האָט זיך אָבער נישט געאיילט אָנצוצינדען דאָס ליכט, ער האָט זיך ווייטער מיט איהר אונטערהאַלטען, עס איז שוין געוואָרען אינגאַנצען פינסטער, און אויך אַדאַ האָט נישט געוואָלט אָנצוצינדען ליכט, ס'איז איהר אַזוי גוט געווען. זי איז געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז איהר האָט זיך אויסגעוויזען אַז זי זיצט ביי איהר געליבטען, זי האָט געוואָלט אַרומנעמען דעם שעהנעם, שטאַרקען גראַף, איהם קושען אין זיינע בלויע אויגען, אַרויפלייגען איהר קאָפּ אויף זיין אָרעם און ער זאָל ווייטער צו איהר רעדען אַ גאַנצע נאַכט אַזוי, אָהן אויפהער, אָהן אָפּשטעל.

דער גראַף האָט דערפיהלט איהר ליידענשאַפט, איהר לייב האָט דורך דער דינער זיידענער בלוזקע געפיהלט זיינע הענט. ער האָט זיך נאָך נעהנטער צו איהר צוגערוקט און זי פעסט אַרומגענומען, זי האָט נישט פּראָטעסטירט, זי האָט אַראָבגעבויגען איהר קאָפּ אויף דעם אָנלעהן פון דער פּלושענער באַנק. גראַף ראַשעוויטש איז צוגעפאַלען צו איהר מיט זיינע ליפּען און שטאַרק געקושט, ער איז געוואָרען אַנגעצונדען פון אַ שרעקליכער ליידענשאַפט

אַדאַ האָט מעהר נישט געהערט איבער זיך...

אין דעם אויגענבליק האָט אימיצער אויפגעשלאָסען די טיר, גראַף ראַשעוויטש איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ קאָנדוקטאָר מיט אַ לעמפּעל אין האַנט.

— דאָס איז אַ געמיינהייט, האָט גראַף ראַשעוויטש געשריגען, דאָס איז חוצפה, ווי וואַגט איהר זיך אַהער אַריינצוקומען.

דער קאָנדוקטאָר האָט צוגעשטעלט די האַנד צום היטעל.

— ענטשולדיגט, איך האָב נישט געוואוסט, אַז ס'איז ווער דאַ, דער קופּע איז געווען פינסטער און איהר האָט פאַרגעסען פון דרויסען אַנצוצייכענען, אַז דער קופּע איז פאַרנומען.

— ענטשולדיגט, איהר קענט זיך איבערצייגען, אַז ס'איז נישט אַזוי, פון דרויסען הענגט אַ צעטעל „פריי". דער גראַף האָט נאָכגעקוקט און ווירקליך איז דער צעטעל געווען אויף „פריי".

— דאָס איז נישט מעגליך, איך געדענק גאַנץ גענוי, אַז איך האָב איבערגעדרעהט דעם צעטעל, ווער ערלויבט זיך דאָ צו מאַכען שפּאַסען, בידערטרעטיגע וויצען.

— דאָס בין איך נישט שולדיג, מיין הער, מיין פליכט איז געווען נאָכצוקוקען אַ ליידיגען קופּע ענטשולדיגט.

דער קאָנדוקטאָר איז אַוועק, דער גראַף איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, אַדאַ האָט אינגאַנצען געשוויגען.

דער קאָנדוקטאָר איז אַוועק אין די ווייטערע וואַגאָנען און איז גלייך אַריין אין דעם קופּע, וואו ס'איז געזעסען די דאַמע מיט דעם בוך. און וואו ס'איז געווען אַ פריי אָרט, וואָס אַדאַ האָט מיט עטליכע שעה צוריק פאַרלאָזען.

— כ'האָב זיי געשטערט אין סאַמע פעסען, אָבער דאָס שאַדט נישט, כ'האָב זיך אָבער גוט אַרומגעקוקט און האָב זיך שוין אָריענטירט. כ'האָב שוין געזעהען אַלע איהרע וואַליזקעס און ווייס שוין וואָס איך האָב צו טון.

— זעה נאָר, ווי גוט עס ליגט אויף דיר דער קאָנדוקטאָרסקער מונדיר,

— איך האָב מיר איהם צוגעגריט, אַמבעסטען גענומען אַרבייטען אין דער באַהן, אין אַזאַ מונדיר קיינער איז אין גאַרנישט חושד. מ'דאַרף זיך היטען, אַז אַן אמת'ער קאָנדוקטאָר זאָל נישט דערקענען. כ'האָב שנעל מיר נאָכגעאַרבייט אַ שליסעל, צו דער טיר, איך האָב געזעהען אַז דאָרטען איז פינסטער, און כ'האָב פאַרשטאַנען אַז זיי זאָגען נישט דאָרט קיין תהילים, און פשוט צוגעגאַנגען און געעפענט די טיר. האָט געדאַרפט זעהען ווי ער האָט זיך אַנגעצונדען, איך האָב זיך פיין ענטשולדיגט און אַוועק, לאַכענדיג אויס זייער קאָפּ. די זענען גאָרנישט חושד, דער יונגערמאַן האָט זיך שטאַרק אַנגעווירעמט, כ'שטעל זיך פאָר וואָס קאָנדוקטאָרען דאַרפען ליידען פון ליידענשאַפטליכע פּאַסאַזשירען. ביי מיר האָט ער אָבער נישט געטראָפען, איך וועל זיך איצט איבערטון און צוריק זעהן אין מיין קופּע. די זיי ווייטער אויפמערקזאַם און פיהר אויס אַלץ ווי איך האָב געהייסען. אַביסעל שלאָפען קענסטו און איך וועל זיך אויך צולייגען, אָבער נישט אויף לאַנג, ווייל מיר וועלען נאָך היינט ביינאַכט מוזען אַרבייטען. און איך מוז מודה זיין, אַז דאָס וועט זיין אַ זעהר שווער שטיקעל אַרבייט.

— אונזער אַרבייט איז שטענדיג שווער, האָט די דאַמע געזאָגט.

(פאָרטזעצונג קומט).

טראַגישע לאַגע פון די מזרח-יודישע מאַרק=הענדלער אין בערלין

אַ יודיש=דייטשע פרוי פון אַ קריגס=געפאַלענעם מאַהנט ביי היטלער'ן איהר רעכט

ווי בעקאַנט ווערען פון די בערלינער מערק אַר־ראָפּגעטריבען די מזרח־יודישע מאַרק־הענדלער.

זענען די לעצטע מקנא די דייטש־יודישע מאַרק־הענדלער. זיי טענה'ן, אַז זיי ווערען פון קיינעם נישט געשיצט און געפינען זיך אין אַ לאַגע אָהן אַן אויסוועג.

אַ יודיש־פּוילישער מאַרק־הענדלער אין בערלין האָט זיך פאַר מיר בעקלאָגט אויפ'ן טראַגישען מצב פון די מזרח־יודישע מאַרק־הענדלער און וועגען די יודיש־דייטשע מאַרק־הענדלער האָט ער געזאָגט:

— זיי, די יודיש־דייטשע מאַרק־הענדלער בעקו־מען שטיצע ערשטענס פון דעם „וואָהלפאַהרטס־אַמט", ד.ה. פון דער דייטשער „צדקה גדולה", ווייל זיי, די דייטשע יודען האָבען דאָך קיין מורא נישט צו פאַלען צו לאַסט דער רעגירונג, וועלכע קאָן זיי דאָך ערגעץ נישט אַרויסשיקען, צווייטענס, קריגען זיי נאָך מסתמא שטיצע פון זייערע געמיינדעס אָדער „לאָזשעס" און דריטענס, קאָנען מעהרערע פון זיי נאָך אַפּעלירען צו די העכערע רעגירונגס־אינ־סטאַנצען.

— וואָס הייסט, צו „די העכערע רעגירונגס־אינסטאַנצען"? — האָב איך איבערגעשלאָגען.

— דאָס הייסט — האָט ער מיר גענומען פער־טייטשען — וואָס מעהרערע יודיש־דייטשע מאַרק־הענדלער זענען אַליין געווען פראָנט־סאָלדאַטען אָ־דער זייערע קינדער זענען געווען אויף די פראָנטען, אָדער זיי זענען אַליין קינדער פון טאַטעס, וואָס האָ־בען געהאַט אַוועקגעלייגט זייערע קעפּ פאַר דעם דייטשען פאָטערלאַנד, און אַט די אַלע קאָנען נאָך [illegible] עס איז אויספּועלען זייער רעכט צו קענען ווייטער האַנדלען אויף די מערק.

— אַלס ביישפּיל וועל איך אייך דערצעהלען אַ זעהר אינטערעסאַנטען פאַל — האָט דער מאַרק־הענדלער זיך אַליין איבערגעשלאָגען, ווי ער וואָלט געוואָלט שטאַרק צופרידען וואָס ער קאָן זיינע געדאַנקען אילוסטרירען אויך מיט פאַקטען, מיט לעבעדיגע פאַקטען. — אָט איז די שכנה מיינע אויפ'ן קעניגער מאַרק אַ יודיש־דייטשע פרוי, אַן אַלמנה נאָך איינעם אַ פריהערדיגען מאַרק־הענדלער, וואָס איז געפאַלען אין קריג פונקט מיט אַ טאָג פריהער ווי עס איז געשלאָסען געוואָרען דער וועלט־פרידען... אָבער נאָך איידער ער איז גע־ווען געפאַלען אין קריג — איז ער 3 מאָל פערוואונדעט געוואָרען און ער האָט געהאַט בעקומען אַן אייזער־נעם קרייץ מיט נאָך עפּעס פערשידענע אויסצייכ־נונגען, האָט די אַלמנה פון דעם דאָזיגען העלדיש אומגעקומענעם דייטשען יודען געהאַט רעכט צו בע־קומען פון דער רעגירונג אַ אייביגע פּענסיע פון 160 מאַרק אַ חודש. האָט זיך אָבער די פּאַטריאָטישע אַלמנה אָפּגעזאָגט פון דער פּענסיע, ווייל ערשטענס — האָט זי געטענה'ט, — פערמאָגט זי נאָך אַ שטי־

אַ בריף פון בערלין

קעל ירושה־קאַפּיטאַל, און צווייטענס איז זי גרייט צו פערנעהמען איהר מאַנ'ס פּלאַץ אויפ'ן מאַרק, ד.ה. ווערען אַ פּראָפעסיאָנעלע מאַרק־הענדלערין און אַזוי אַרום איינשפּאָרען דער דייטשער רעגירונג וואָס איז געבען שטאַרק פעראָרעמט געוואָרען דורך דער מלחמה די 160 מאַרק אַ חודש...

— איצטער, אין פופצעהן יאָהר אַרום נאָך איהר מאַנ'ס טויט אויף דעם אַזוי — גערופענעם „פעלד פון עהרע" — האָט דער יונגערמאַן פּאָרט־געזעצט צו דערצעהלען — איצטער האָט זי בעקומען אַ מעלדונג פון איהר מאַרק־קאָמיטעט אַז זי ווערט אַלס יודישע פרוי נישט מעהר צוגעלאָזט ווערען צום מאַרק, וואו זי און איהר אומגעקומענער מאַן, האָט געהאַט געהאַנדעלט איבער אַ פערטעל יאָהר־הונדערט.

זי משפּט זיך איצטער מיט דער רעגירונג...

זי האָט דערלאַנגט אַ פּאַפּיר צום מאַגיסטראַט, אַז מען זאָל איהר אויסצאָהלען די פּענסיע פאַר איהר אומגעקומענעם מאַן, וועלכע מאַכט אויס איצטער אַ סומע פון קאַרגע דרייסיג טויזענד מאַרק (צו 160 מאַרק אַ חודש פאַר אַלע פופצעהן יאָהר) און מען זאָל איהר אויך נאָך צוריקקעהרען דאָס גאָלד און זילבער וואָס זי האָט געהאַט אין יענע יאָהרען פרייוויליג אַוועקגעשענקט צו דער רעגירונג פאַר דעם מלחמה־פאָנד.

מען האַלט, אַז מען וועט איהר פיל גיכער אויסצאָהלען די פּענסיע פאַר איהר מאַן, ווייל זי וועט זיך דערשלאָגען זאָגט זי, אַפילו צו הינדענ־בורג'ן אַליין און הינדענבורג שטעהט שטאָל און אייזען פאַר די געפאַלענע פראָנט־קעמפער אָהן אונטערשייד פון רעליגיע און ראַסע...

די יודענע לויפט אַרום ווי אַ צעדולטע איי־בער אַלע אַנשטאַלטען און מאָהנט צוריק איהר געפאַלענעם מאַן.

— גיט מיר אַז צוריק מיין מאַן, אָדער צאָהלט מיר אויס פאַר איהם די פולע פּענסיע ווייל איך וויל נישט הערען מעהר פון אייערע מערק און פון אייערע אַנדערע פּרנסות!

— אָט דאָס הייסט אַז מען איז געבוירען אין דייטשלאַנד!

— מיר שטעהט נאָך אַלץ פאַר די אויגען די אומגליקליכע יודיש־דייטשע פרוי, וואָס לויפט אַ־רום איבער אַלע היטלער־אַנשטאַלטען פון בערלין און מאָהנט צוריק דעם מאַן איהרען, וואָס איז גע־פאַלען אין פעלד פאַר דייטשלאַנד'ס עהרע און פאַר דייטשלאַנדס צוקונפט...

— איך בין אייך מוחל אַלע אייערע מערק און אַלע אייערע פּרנסות — איך וויל נאָר צוריק דעם מאַן מיינעם, לכל הפחות, די פּענסיע פאַר איהם — געוואַלדעוועט איצטער איינע אַ יודישע קריגס־אַלמנה איבער אַלע היטלער־אַנשטאַלטען פון דער שטאָט בערלין..

ד. בערג.

באָליוויען וויל אויפנעהמען פּליטים פון דייטשלאַנד

וואַרשע. (יט"א) די טעג האָט דער עהרען קאָנסול פון דער רעפּובליק באָליוויען אין וואַרשע ה' זשולקאָווסקי און דער האַנדעלס־אַטאַשע פון קאָנסולאַט ה' האַרי בראַון אָפּגעהאַלטען אַ לענגערע קאָנפערענץ מיט'ן גענעראַל־סעקרעטאַר פון'ם פעראייניגטען קאָמיטעט צו בעקעמפען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד ה' מאַרק טורקאָוו און איהם געמאָלדען פאָלגענדעס:

די רעגירונג פון דער רעפּובליק באָליוויען, וועלענדיג אויסדריקען איהר פּראָטעסט געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד, האָט בעשלאָ־סען צו ערטיילען אַ גרעסערע צאָהל איינפאָהר־ווי־זעס פאַר די פערפאָלגטע דייטשע יודען, וואָס ווי־לען זיך בעזעצען אין באָליוויען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער עהרען־קאָנסולאַט אין וואַרשע בעקומען דעם אויפטראַג צו ערטיילען אַ געוויסע צאָהל וויזעס אויך די פּליטים, וואָס האָבען פער־לאָזט דייטשלאַנד און געפינען זיך איצט אין פּוילען.

קאָנסול זשולקאָווסקי האָט בעמערקט, אַז די עמיגראַציע - מעגליכקייטען אין באָליוויען זענען זעהר גרויסע אָבער דאָך קענען אָהין עמיגרירען נאָר אַזעלכע עלעמענטען וועגען וועלכע עס איז פאַר־האַן אַ האָפנונג, אַז זיי וואָלטען זיך דאָרט געקענט גוט איינאָרדנען.

עס האַנדעלט זיך אַלזאָ, אין דער ערשטער רייהע וועגען דאָקטוירים־מעדיצין בפרט פון ספּעציאַליס־טען פון קאַלטען קלימאַט און פון טראָפּישע קראַנקהייטען, קינדער־קראַנקהייטען, הויט־קראַנק־הייטען, דענטיסטען, א.ד.גל. אין די גרויסע שטעט קענען אויך האָבען ערפאָלג רענטגען־אַנשטאַלטען און לאַבאָראַטאָריעס פאַר אַנאַליזען.

אויסזיכטען אויף בעקומען בעשעפטיגונג אין באָליוויען האָבען אויך אינזשיניערען, בפרט פון פאָלגענדע ספּעציאַליטעטען: בערג־אינזשיניערען, בערג־מעכאַניקער, מעטאַלורגיע - ספּעציאַליטעטען, כעמיקער (בפרט פאַרמאַצעאוטען) צו בויען שאָסע־ען און בריקען, אַרכיטעקטען, אַעראָפּלאַנען־בוי אַג־ראָנאָמען א. אַ. וו.

עס ווערען אויך געזוכט דאָרט קוואַליפיצירטע אַרבייטער פון פערשידענע פאַכען און אויך האַנד־ווערקער.

דאַגעגען איז דאָרט פיל שווערער זיך איינאָרד־נען פאַר סוחרים, אויב זיי בעזיצען נישט די נויטי־גע פינאַנציעלע מיטלען, די הוצאות הדרך פון פּוילען ביז באָליוויען בעטרעפען ביז 200 דאָלאַר.

דער פעראייניגטער קאָמיטעט האָט אויפגענו־מען די אינטערעסאַנטע ערקלערונגען פון די באָ־ליווישע פאָרשטעהער און זיך גלייך געווענדעט צו דער געזעלשאַפט „יעאַס" זיך צו פעראינטערעסירען מיט'ן דאָזיגען פאָרשלאַג און אויסצופאָרשען אויף וויפיל באָליוויען איז אַ פּאַסיג לאַנד פאַר אַ גרע־סערע עמיגראַציע פון די דייטשע פּליטים.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט די „יט"א מיטגעטיילט וועגען אַן ערקלערונג וואָס דער באָט־שאַפטער פון באָליוויען אין בערלין האָט אָפּגע־געבען פאַר זשורנאַליסטען, אַז די באָליווער רעגי־רונג איז גרייט צו ערלויבען אַ גרעסערע אימיגראַ־ציע פון דייטשע יודען, די באָליווער רעגירונג ווינשט זיך אָבער צו האָבען וועגען דעם אַן אָפּמאַך מיט דער דייטשער רעגירונג.

די צאָהל יודישע בעפעלקערונג אין באָליוויען איז אַ זעהר קליינע, וועלכע קאָנצענטרירט זיך אויס שליסליך אין דער הויפּט־שטאָט פון באָליוויען לאַ פּאַז.

דער קלימאַט פון באָליוויע איז אַ פערשידענ־אַרטיגער, אין די בערגיגע געגענדען איז די לופט אַ טרוקענע, אַ ריינע און זעהר געזונדע. אין דאָס רוב געגענדען פון לאַנד וואַקסען אַלע קולטור־פלאַנצען, זאָגאַר טראָפּישע. אין די חדשים פון מאַי ביז אָק־טאָבער הערשען אין לאַנד גרויסע קעלטען.

דאָס לאַנד האָט כמעט 1 און אַ האַלב מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער און איז בעוואוינט מיט אַ בעפעלקערונג פון העכער 2 מיליאָן נפשות. (אין דורכשניט 1,4 אויף אַ קוואַדראַט קילמ.) ס'רוב איינ־וואוינער פון לאַנד געהערען צו דער רוימיש־קאַ־טוילישער רעליגיע.

Dr. R.
Zalcwasser
CHIRURG — כירורג
ציגעל־גאַס 19, טעל. 17-125
נעהמט אָן פון 1—2 בייטאָג און פון 4—7 נאָכמ.

יוד. פרוי וואָס איז אויף אַ מערקווירדיגן אופן געוואָרן ביי קריסטען אַ „הייליגע"

טראַגישע געשיכטע פון יודישען לעבען אין גאַליציע מיט 75 יאָהר צוריק. אַ מעשה פון טויזענט און איין נאַכט

אָבער דאָס לייזונג אין שענק איז געווען שוואַך און ביידע האָבען מיט אומגעדולד געוואַר־ט אויפ'ן מאָמענט, ווען עס וועט שוין זיין אַנגעזאַ־מעלט אַ גרעסערע סומע. איז וולאַדיסלאַוו געפאַלען אויף אַ מאָדנעם פּלאַן. אַזוי ווי עס איז איצטער געווען פאַר ניטל־נאַכט און די פּויערים האָבען זיך געגרייט צום יום־טוב, פלעגען אַ סך פון זיי מעהר ווי געוועהנליך אָפּשטעלען אין שענק כאַ־פּען אַ טרונק. האָט איהר וולאַדיסלאַוו געראַטען, אַז אין איינעם אַן אָוונד, ווען עס וועלען זיין פערזאַמעלט אַ צאָהל פּויערים אין שענק, זאָל זי אַרויסגעהן אינדרויסען און אַריינלויפען צוריק אין שענק אַריין מיט אַ געשריי, אַז זי האָט געזעהן יעזוס'ן פליהען. וולאַדיסלאַוו האָט געוואוסט, אַז די פּויערים זענען אָבערגלויביש, זיי וועלען עס אָננעהמען פאַר אַן אמת. און אַזוי ווי בלויז אַ הייליגער מענש קען האָבען די זכיה צו זעהן „גאָטס זוהן", וועלען זיי זי אויך האַלטען פאַר אַ הייליגע און אַזוי קומען צו איהר אין שענק אַריין.

חנה האָט אַזוי געטון. דער געדאַנק פון אָפּטון אַזאַ שפּיצעל האָט זי מסתמא אויך אַמוזירט. און ווען די איז אַריינגעלאָפען אין שענק אַריין מיט דער גרוי־סער „בשורה", זענען די פּויערים כמעט ווי פער־שטיינערט געוואָרען און ווען זיי זענען אַ ביסעל צו זיך געקומען, איז איינער נאָכ'ן אַנדערען גע־פאַלען צו איהרע פיס און געקושט דעם זוים פון איהר קלייד. די נייעס האָט זיך גלייך פערשפּריי־ט איבער'ן גאַנצען דאָרף און די אַרומיגע דערפער און אַלע זענען געקומען אין דעם שענק פון דער „הייליגער" צו קוקען אין איהר ליכטיג פּנים און צו טרינקען דעם בראָנפען, וואָס מען פערקויפט דאָרט.

און נישט בלויז דאָס: מען האָט אָנגעפאַנגען צו ברענגען קראַנקע צו איהר, אַז זי זאָל זיי היי־לען. אַ צאָהל פון די חולאים האָבען איבערגעלעבט אַזאַ גייסטיגע אויפרעגונג פון איהר בעריהרונג, אַז עס האָט זיך זיי טאַקע אויסגעדוכט, אַז זיי זענען געזונט געוואָרען, אַלע וואָס זענען געקור־מען האָבען איבערגעלאָזט פערשידענע מתנות און די שעהנע חנה האָט אויסגעצייכנט געשפּילט די ראָ־לע, מסתמא לויט וולאַדיסלאַווס אַנווייזונגען.

און דוד, ווי האָט ער געקוקט אויף דעם? מען קען זיך פאָרשטעלען, אַז ער האָט געזעהן, וואָס פאַר אַ קאַשע זיין ווייב כאַפּט דאָ און וואָס פאַר אַ געפאַהר זי קען נאָך ברענגען אויף זיך און אויף איהם. אָבער זי האָט געהאַט די אויבער־האַנד און ער האָט געמוזט שטיקען דעם וועהטאָג אין זיך און שווייגען.

די נייעס וועגען דער שעהנער יודישער שענ־קערין, וואָס האָט געזעהן פליהען דעם „דערליי־זער", האָט אויך דערגרייכט צום בישאָף אין לעמ־בערג. ער האָט אַראָפּגעשיקט זיינעם אַ פערטרע־טער אויסצופאָרשען די גאַנצע זאַך. דער בישאָפ־ליכער פאָרשטעהער איז געקומען פערשטעלטערהייט, קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען ער איז געשיקט געוואָרען, און ווען ער האָט געפרעגט חנהן צי זי האָט טאַקע יענעם אָוונד געזעהן יעזוס'ן פליהען, האָט זי צוגעגעבען, אַז יאָ. דער שליח האָט אויך געקראָגען בעשטעטיגונגען פון פּויערים, וועלכע זענען געווען אין שענק בעת זי איז אַריינ־געפאַלען מיט דער בשורה — און פון קראַנקע, וועלכע זענען דורך איהר „געהיילט" געוואָרען. דער בישאָפליכער פערטרעטער איז צוריקגעקומען צו זיין עלטסטען מיט דעם בעריכט, אַז דער בישאָף האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַ מאַהלער זאָל אַרויס־פאָהרען קיין ק. און אָפּמאָהלען אַ בילד פון איהר וואָס זאָל אויפגעהאַנגען ווערען אין דעם דאָרטי־גען קלויסטער. דער בישאָף האָט אַלץ געטון אין געהיים. כדי נישט אויסצורופען קיין טומעל, סיי ביי דער רעגירונג, סיי צווישען די יודען. האָט זיך דערפאַר חנה ווינציג־וואָס געשראָקען, בפרט, אַז דאָס פערמעגען איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער און דאָס האָט זי געבראַכט אַלץ נעהנטער צום ציל.

ווען חנה האָט געזעהן, אַז איהר מאַן הויבט אָן צו ווייזען סמנים פון געגענשטעלען זיך און צו דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, האָט זי איהם איינגערעדט, אַז ער זאָל פערקויפען דעם מייער, וואָס זיי האָבען אין מ—וו, וועלען די דערנאָך אַוועק וואוינען אין אַן אַנדער לאַנד. דוד האָט איהר בעגלויבט און געמיינט, אַז מיט דעם וועט זיך די צרה ענדיגען. ער האָט אין איילעניש פערקויפט דאָס הויז אין שטאָט און אין געהיים זיך געגרייט אין וועג אַריין. אָבער חנה און וולאַדיסלאַוו האָבען זיך געהאַט זייערע אייגענע פּלענער. דערווייל איז דאָס בילד פאַרטיג געוואָרען און דער מאָלער האָט עס אָפּגעפיהרט קיין לעמבערג, צום בישאָף. וועלכער האָט שטילערהייט געפּלאַנעוועט, אַז מען זאָל די „שעהנע חנה" אָפּשמדען און זי זאָל פערענדיגען איהר לעבען אין אַ מאָנאַסטיר אין דער הייליגער שטאָט רוים.

דאָס איינגעלייזטע געלד פון דער שענק און דאָס געלד פון דער פערקויפטער הויז אין שטאָט, האָט חנה געהאַט ביי זיך. אַ טייל האָט זי אויך געגעבען איהר האַרצענס־געליבטען וולאַדיסלאַוו, מסתמא אויף זיין פערלאַנג. די האָבען צווישען זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי זאָל פריהער אַנטלויפען און אין עטליכע טעג אַרום זאָל ער זיך אָפּזאָגען, כדי מען זאָל נישט חושד זיין, אַז עס איז עפּעס דאָ אַ פערבינדונג צווישען זיי.

אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט, ווען דוד איז שוין געשלאָפען און אפשר געחלומ'ט וועגען גליק־קען אין אַ ווייטען לאַנד, האָט זיך זיין פרוי, „די שעהנע חנה", שטיל אַרויסגעגנב'עט, זיך אַרויפ־געזעצט אויף אַ שליטען, וואָס האָט געוואַרט אויף איהר, און געלאָזט דאָס דאָרף הינטער זיך. באַלד נאָכדעם האָט דער מיט בראָנפען אָנגעפילטער קעלער פון שענק אָנגעהויבען צו פלאַקערן און ביז מען האָט זיך דערוואוסט אין דאָרף, אַז די שענק ברענט, איז אַלץ שנעל פערניכטעט געוואָ־רען. דוד'ל איז אויך פערברענט געוואָרען. גע־בליבען איז בלויז קוילען און אַש. סמנים פון מענשליכע אברים און די פאַנאַטישע פּויערים האָבען געגלויבט אין דעם קלאַנג, וואָס איז גלייך פער־שפּרייט געוואָרען, אַז די שדים האָבען דאָס פער־ברענט די „הייליגע" צוזאַמען מיט איהר מאַן.

די יודען אין מ—וו האָבען איבערגעלעבט גרויס שרעק און געפיהלט, אַז זייער לעבענס זע־נען אין געפאַהר צוליב דעם צאָרן פון פאַנאַטישע פּויערישען המון פון די אַרומיגע דערפער. צו זייער גליק האָט זיך די גאַנצע זאַך געענדיגט דער־מיט, וואָס מען האָט מיט גרויס צערעמאָניע גע־בראַכט דאָס בילד אין קלויסטער אַריין און אַלע זענען געפאַלען אויף די קניע, ווען מען האָט אויפגעהאַנגען דאָס געמעהלד פון „דער שעהנער חנה".

וולאַדיסלאַוו האָט אָפּגעוואַרט אַ שטיקעל צייט און דערנאָך איז ער אויך אַוועק פון דאָרף זיך צו בעגעגענען מיט חנה'ן און צוזאַמען מיט איהר אַוועקפאָהרען אין דער ברייטער וועלט אַריין, וואו קיינער קען זיי נישט און קיינער וועט זיי נישט שטערען אין דער ליבע.

דער אַלטער פּריץ וואָיטקיעוויטש איז גע־ווען אַ מענש מיט האָנאָר, אַ חוץ דעם האָט די האַנדלונג פון זיין זוהן אויסגעזעהען אין זיינע אויגען ווי דער גרעסטער פערברעכען און ער האָט בעשלאָסען אָפּצוּוואַשען דעם דאָזיגען פלעק, אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער אורזאַך פון זיין בן־יחיד'ס אַוועקפאָהרען און ווי אַזוי און צוליב וואָס ער האָט עס געטון. האָט ער נאָכגעשיקט אַ צאָהל פון זיינע מענשען די — זאָלען זיי וויסען, וואָס די האָבען צו טון. נאָכצושפּיאָנירען און אויב מען וועט זיי געפינען

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און צוויי פון וואָיטקיעוויטשעס פערטרויטע לייט האָבען דאָס גע־היימע פּאָרל געטראָפען שפּאַצירען נעבען בודאַ־פּעשט אין אַ וואַלד, אין שכנות פון וועלכע זיי האָבען געהאַט זייער דירה. אין יענעם וואַלד האָבען ביידע: אַט דער לעבענסלוסטיגער וולאַדיסלאַוו און די שעהנע „הייליגע" חנה פּלוצים געפונען זייער טויט. די מערדער פון דעם פּאָרל האָבען זיך מעהר נישט צוריקגעקעהרט אהיים ווייל דער פּריץ האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלען טייטען דאָס פּאָרל, זאָלען זיי אַנטלויפען און פערשווונ־דען אין דער וועלט. ער האָט זיי צוגעשיקט געלד און מעהר האָט מען פון זיי נישט געהערט.

דער פּריץ איז אַ קורצע צייט נאָכדעם גע־שטאָרבען. אַ פּויער, וועלכער האָט זיך פאַר איהם מודה געווען, אַז ער האָט סיי חנה'ן, סיי וולאַדיס־לאַוו'ען אין געהיים אַרויסגעפיהרט פון דאָרף, האָט פאַרן טויט, אַ סך יאָהרען שפּעטער, דערצעהלט דעם אמת וועגען דעם סוף פון דער „הייליגער שעה־נע חנה". פונדעסטוועגען האָט מען דערנאָך דאָס בילד נישט אַראָפּגענומען, עס איז דאָרטען גע־האַנגען יאָהרען לאַנג און די אָבערגלויבישע פּוי־ערים האָבען תפילה געטון צו דער יודישער שענקע־רין, וועלכע האָט מיט איהרע אייגענע אויגען געזעהן פליהען גאָטס זוהן... ערשט היינטיגען זומער, ווען די הילצערנע ווענד פון ק—ר קלויס־טער זענען פערברענט געוואָרען פון אַ פייער, איז אויך פערברענט געוואָרען דאָס בילד פון דער דאָזיגער „הייליגער" און שעהנער יודישער פרוי...

(סוף).

י. געסער.

פליאָטקעס און אמת'ן אַרום דעם קאָנגרעס

פון אונזער ספּעציעלען שליח אין פּראַג — ד. שמיד

זייט שבת־צונאַכט הערשט אין די קולואַרען פונ'ם קאָנגרעס אַ גרויסע אויפרעגונג „ראָזענבלאַט האָט מודה געווען, אַז ער האָט בעגאַנגען דעם מאָרד אויף דר. חיים אַרלאָזאָראָוו." די לינקע האָבען בעקומען אַזאַ דעפּעשע, און ס'איז געווען געפּלאַנט אַז מען זאָל די דאָזיגע ידיעה האַלטען בסוד־סודות ביז אַ רעוויזיאָניסט וועט רעדען ביי דער דעבאַטע, נו, אויב בסוד־סודות האָט דאָך מסתמא באַלד דער גאַנצער עולם, דער יודישער עולם, אין פּראָג דערפון זיך דערוואוסט.

זשאַבאָטינסקיס פראַקציע האַלט אָפּ זיצונגען די גאַנצע נאַכט האָט מען זיך בעראַטען ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין היות בעל קאַצענעלזאָהן האָט אַריינגעטראָגען צום פּרעזידיום אַ דעקלאַראַציע אין דעם ענין, האָט דער פּרעזידענט מאָצקין געמאַכט אַ הפסקה פון קאָנגרעס, דער עולם איז אויפגערעגט. מען הערט פון גאָר נישט מעהר. חוץ נאָר פון דער מעשה ראָזענבלאַט.

ווי נאָר עס האָט זיך צעשפּרייט די ידיעה, אַז ראָזענבלאַט האָט זיך מודה געווען אין מאָרד. האָבען די רעוויזיאָניסטען פערשפּרייט אין די קאָנגרעס־קולואַרען פאָלגענדע דעפּעשע:

טעלעגראַם ערהאַלטען דורך דער רעוויזיאָניסטישער פראַקציע פון תל־אביב:

26־טען אויגוסט.

„אין נאָמען פון אחימאיר ווערט מיטגעטיילט, אַז דאָס צעטעל וואָס מען האָט ביי איהם געפונען, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויפצייכענונג פון די קלאַגען, וועלכע זענען פערשפּרייט געוואָרען דורך מפא"י נאָך דעם מאָרד.

„דער עדות, וועלכער איז נעכטען ערשינען און האָט געזעהן, אַז ראָזענבלאַט האָט פאַר איהם זיך מודה געווען אין מאָרד, וואָס אַנערקענט אַז ער איז געווען פערמשפּט אַלס גנב, און האָט געמאַכט לויט דעם בעריכט פון „דבר" — אַ שלעכטען איינדרוק אויף דעם געריכט".

* * *

די זיצונג וועלכע דאַרף ווערען פאָרטגעזעצט, זונטאָג ביי נאַכט, וועט זיין זעהר שטורמיש, אַגב ס'הייסט אַז די לינקע וועלען פערלאַנגען אויסצושליסען די רעוויזיאָניסטען פונ'ם קאָנגרעס.

בשעת איך שרייב דעם בעריכט, ווער איך געוואויר אַז אויך היינט איז די זיצונג אָפּגעלעגט געוואָרען, מען לויפט אַרום, מען כאַפּט אָן איינער דעם אַנדערען, מען פרעגט זיך: „פאַרוואָס איז היינט קיין זיצונג נישט? פערשטעהט זיך אַז די פּליאָטקעס האָבען אָנגענומען פאַנטאַסטישע פאָרמען. אַ טייל זאָגען אַז מאָצקין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּרעזידענטשאַפט, מאַנכע האָבען איהם שוין געזעהן אַוועקפאָהרען, נאַטירליך איז דאָס אַלץ נישט אמת, מאָצקין איז אין פּראָג און וועט ווייטער בעהאַלטען זיין כסא הנשיאה.

דערפאַר אָבער איז בן־גריון מיט שפּרינצאַקן אַוועקגעפאָהרען צו ווייצמאַנען מיט איהם אונטערצוהאַנדלען. צוויי ווערסיעס דערצעהלט מען זיך וועגען ווייצמאַנען. יש אומרים, אַז ער איז אין דער שווייץ, און יש אומרים, אַז ער איז אין קאַרלסבאַד, וואו ער פערפאָלגט דעם גאַנג פון קאָנגרעס. אויף אַלע אופנים האַלט מען ווייצמאַנס אויפענטהאַלט בסוד.

איצט בעשעפטיגט דאָ אַלע דער איינציגער געדאַנק: וועלען די לינקע נישט פערלאַנגען אויסצושליסען די גאַנצע רעוויזיאָניסטישע פראַקציע פון קאָנגרעס? מען ווייסט אַז, דאָס אויסשליסען דעם פּאַלעסטינער דר. אַבראַם ווינשאַל און אורי צבי גרינבערג, וועט, אויף יעדען פאַל, פערלאַנגט ווערען.

* *

זונטאָג פאַרמיטאָג האָט דער עהרען־פּרעזידענט פון „מכבי" לאָרד מעלטשעט איינגעלאַדען די פּרעסע צו זיך, ער האָט ערקלערט, אַז ער איז בשום אופן נישט קיין פיינד פון דייטשלאַנד,. ער איז אָבער אַ גרויסער פריינד פון די יודען און וועט נישט רוהען, ביז ער וועט נישט דורכזעצען די אונטערדריקטע, ענטרעכטיגטע דייטשע יודען צו העלפען. ביי די היינטיגע פערהעלטנישען מוז מען טראַכטען די „געפאַנגענע" דייטשע יודען אַרויסצופיהרען פון דייטשלאַנד, און זיי פערהעלפען צו קומען קיין ארץ־ישראל. דאָס איז די איינציגע מעגליכע לעזונג פון דעם יודישען דייטשען פּראָבלעם. „איך בין איבערצייגט", זאָגט לאָרד מעלטשעט, אַז דייטשלאַנד וועט איינזעהען אַז ס'איז נישט מעגליך צו הערגראַדירען אַ האַלבע מיליאָן מענשען, און זיי צו בעראויבען זייערע רעכט, ס'איז אויך נישט אמת, אַז איך וויל איצט אָרגאַניזירען אַ נייעם ווירטשאַפטליכען באָיקאָט געגען דייטשלאַנד. מיר „מכבים" זענען היינט זעהר שטאַרק, אגב מיר האָבען שוין העכער 150 טויזענד מיטגלידער".

מאָנטאָג פאָהרט לאָרד מעלטשעט קיין ווינע, וואו ער וועט האָבען אַ קאָנפערענץ מיט דעם עסטרייכישען בונדעסקאַנצלער דר. ענגעלבערט דאָלפוס. ס'פערשטעהט זיך, אַז ביי דעם געשפּרעך וועט בעריהרט ווערען די לאַגע פון די עסטרייכישע יודען.

דינסט טראַכט אויס אַ בלבול,
אַז יודען ווילען איהר פערפּייניגען אין ווילנע
פּאָליציי, פייערלעשער און שכנים אַטאַקירן אַ פערשלאָסענע וואוינונג מיט אַ זעלבסטמערדערין

ווילנא. די שכנים פון הויז נומ. 29 אויף סלאָוואַצקא גאַס האָבען איבערגעלעבט אַ טאָג מיט דראַמאַטישע מאָמענטען.

אין דערמאָנטען הויף פערנעמען אַ וואוינונג אויפען דריטען שטאָק די יודישע ברידער בלאַך, מיטאייגענטימער פון דער פירמע בלאַך און איזראַעליט אויף זאַוואַלנע גאַס.

ביי די בלאַך'ס האָט לעצטענס געדינט די קריסטליכע דינסט יאַנקאָווסקאַ, וועלכע האָט געמאַכט אויף אַלעמען דעם איינדרוק פון אַ היסטערישקע.

לעצטענס זענען אַלע יודישע שכנים שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען אויף דער דאָזיגער דינסט, מחמת זי האָט גענומען פערשפּרייטען צווישען די דינסטען און אַרומיגע שכנים אומגלויבליכע קלאַגען וועגען איהרע יודישע בעלעבאַטים, טענהדיג צווישען אַנדערע, אַז זיי ווילען איהר פערפּייניגען און אומברענגען פון דער וועלט.

מען האָט די אַרבייטסגעבער עטליכע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אומדערהערטער האַנדלונג פון זייער דינסט. ביידע ברידער האָבען אָבער אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. נעכטען אָבער האָט די היסטערישע דינסט איינגעאָרדענט אַזעלכע סצענעס, אַז נישט נאָר הויף־שכנים, נאָר די גאַנצע גאַס איז געגאַנגען צוליב איהר „כאַדראַם".

געווען איז דאָס אַרום איינס אַ זייגער ביי טאָג ווען איינער פון די ברידער בלאַך, איז געקומען צוגיין אַ היים און אָנגעקלונגען אין טיר, האָט די דינסט דערהערענדיג, אַז דאָס איז דער בעלעבאָס, דערקלערט איהם.

— כ'וועל אייך אין שטוב נישט אַריינלאָזען ווייל כ'האָב בעשלאָסען צו בעגיין זעלבסטמאָרד.

דערהערענדיג אַזעלכע דיבורים, האָט בלאַך צוזאַמען מיט זיין ברודער, וועלכער איז אינצווישענצייט אָנגעקומען, געוואָלט זיך אַריינבעקומען איבערנוואַלד אין וואוינונג. די מאַסיווע טיר איז אָבער געווען פאַרריגעלט אויף אַלע שלעסער און פערהאַקט מיט אַן אייזערנע שטאַבע, אַזוי, אַז אַלע בעמיהונגען, אַרויסצוהאַקען די טיר, האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אויך די הינטערשטע טיר איז געווען פערמאַכט אויף אַלע שלעסער און פערבאַריקאַדירט פון אינעווייניג מיט מעבעל, און מען האָט בשום אופן זיך נישט געקענט אַריינבעקומען. וועגען אינצידענט האָבען זיך באַלד דערוואוסט אַלע שכנים. פון גאַס האָט מען געזעהן, ווי די דינסט איז עטליכע מאָל צוגעגאַנגען צום פענסטער, האַלטענדיג אין האַנט אַ פלעשעלע מיט עפּעס אַ פליסיגקייט.

ה' בלאַך, זעהענדיג, אַז מיט „היימישע מיטלען" וועט מען גאָרנישט אויפטון, האָט טעלעפאָניש אַלאַרמירט דעם 1־טען פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, פון וואַנען ס'איז גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרען אויפ'ן אָרט פון פּאָרפאַל, אַ פּאָסטערונקאָווע.

ווען דער פּאָליציאַנט האָט געוואָלט פערלאָזען דעם קאָמיסאַריאַט, איז אָהינצו אַריינגעלאָפען אַ שייגעץ, וועלכער האָט איבערגעגעבען דעם פּאָליציאַנט אַ בריוועל, אין וועלכען די דינסט האָט געשריבען, אַז היות די יודען ווילען איהר פערפּייניגען, האָט זי זיך פערמאַכט אין שטוב און בעשלאָסען צו בעגיין זעלבסטמאָרד.

אין אַ ווייַלע אַרום זענען שוין אויפ'ן אָרט פון פּאָרפאַל אָנגעקומען צוויי פּאָליציאַנטען, אָבער אויך זיי איז בשום אופן נישט געלונגען אַריינצובעקומען זיך אין וואוינונג. די מאַסיווע פערבאַריקאַדירטע טירען האָבען אויסגעהאַלטען אַלע פּרובען אויפצוברעכען זיי.

נישט זעהענדיג קיין אַנדער אויסוועג, האָבען די פּאָליציאַנטען אַרויסגערופען אויפען אָרט פון פּאָרפאַל אַן אָפּטיילונג פון דער פייערלעשער־קאָמאַנדע

מען האָט די לייטער צוגעשטעלט צום פענסטער פון בלאַך'ס וואוינונג. די פייערלעשער מיט אַ פּאָליציאַנט האָבען אַרויפגעקלעטערט און אויפברעכענדיג דאָס פענסטער זיך אַריינבעקומען אינעווייניג.

אין דעם מאָמענט ווען זיי זענען אַריינגעשפּרונגען אין צימער. איז די דינסט אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ צווייט פענסטער און אויפעפענדיג עס געוואָלט אַראָפּוואַרפען זיך פון דריטען שטאָק אויפ'ן ברוק.

דער פּאָליציאַנט האָט אין לעצטען מאָמענט בעוויזען צוצושפּרינגען צום פענסטער און אָנכאַפּען די זעלבסטמערדערין פאַר'ן קלייד, ראַטעווענדיג זי פון אַ זיכערן טויט.

די אָפּגעראַטעוועטע זעלבסטמערדערין איז אָפּגעפיהרט געוואָרען אין קאָמיסאַריאַט.

זי וועט געשטעלט ווערען פאַר אַ פּסיכיאַטרישער עקספּערטיזע, מחמת ס'איז פאָרהאַן אַ חשד, אַז זי איז נישט אינגאַנצען ביים קלאָרען זינען.

אַ שטענדיגע פּאָליציי־וואַך
ביים אוניווערזיטעט אין ווינע

ווינע (יט"א) די עסטרייכישע רעגירונג האָט בעשלאָסען איינפיהרען אַ שטענדיגע פּאָליציייִשע וואַך אין דעם הויפּט־בנין פון וויענער אוניווערזיטעט און אין'ם בנין פון אַנאַטאָמישען אינסטיטוט. די רעגירונג האָפט, אַז אַ דאַנק דעם, וועט געמאַכט ווערען אַ סוף צו די אָנפאַלען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע סטודענטען אויף יודען און קאַטאָליקען. די פּאָליציי־וואַך ביים אוניווערזיטעט וועט אונטערליגען די בעפעהלען נישט פון אוניווערזיטעט־רעקטאָר, נאָר פון פּאָליציי־פּרעזידיום.

Dr. med. H. LUBICZ
ספּעציאַליסט פאַר ווענעריש און געשלעכטס־קראַנקה
צוריקגעקעהרט
צענעלניאַנאַ 7, טעל. 141-32.
נעהמט אָן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאָכמ. און פון 5–8 אָוונט, זונטאָג פון 9–11 בייטאָג.

„דער דבוק" — אַן איטאַליענישע אָפּערע

(בריף פון מילאַן)

איך האָב געזעהן דעם „דיבוק" אין גריכישער אינטערפּרעטאַציע און לאה'ס ראָל האָט מייסטערהאַפט דורכגעפיהרט די גרעסטע גריכישע טראַגעדיע־שוישפּילערין פריילין מאַריקאַ קאָטאָפּולי.

אויך אַ סערבישער טעאַטער האָט פיין איינשטודירט די מיסטישע ראָלען און ניגונים און בעוועגונגען פון „דיבוק" און געשפּילט איהם פאַר אַ קריסטליך פּובליקום, גאַנצע 40 מאָל. די אויפפיהרונג איז געווען אַ־לאַ הויפּטמאַן מיט זיין „פערזונקענע גלאָק", פייערליך־מיסטיש, ריהרענד און פּלאַסטיש.

איצט האָבען מיר אַ נייע עקזאָטישקייט, — כביכול: חנן, סנדר, לאה, ניסן, און אַלע אַנדערע שאָטען־העלדען פונ'ם „דיבוק" האָבען זיך איינגעפיגערט אין דעם מוח פון איינעם פון די גרויסע, מאָדערנע איטאַליענישע קאָמפּאָזיטאָרען און ער האָט אָנגעשריבען, מיט מוזיק פאַר אַ גאַנצען אָרקעסטער, אַ געניאַלע אָפּערע, וואו דער סיוזשעט איז „דיבוק", דער נאָמען איז „דיבוק" און אַלעס, אין דער מוזיק און אויף דער ביהנע, שמעקט מיט אַנ־סקיס לעבעדיג־יודיגע ווערק.

ס'איז דער „מאַעסטראָ" לודוויג ראָקאַ, וועלכער האָט באמת שטודירט די מוזיק און די מעלאָדיעס, בפרט פון דעם חסידישען פאָלקלאָר, האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם רעאַלען בילד פון דער חסידישער מיסטיק פון „דיבוק" און — די ערשטע פּראָבע־פאָרשטעלונג פון דער נייער מוזיקאַלישער אָפּערע איז אין ענגערען קרייזען פון מוזיק־קריטיקער, אַרטיסטען און קאָמפּאָזיטאָרען האָט אַרויסגערופען אַ גרויס ענטוזיאַזם און לאַנגע זעהר גינסטיגע בעשפּרעכונגען אין דער איטאַליענישער טעגליכער פּרעסע.

דער בעקאַנטער וועלט־טעאַטער „סקאַלאַ" פון מילאַן. וועט די נייע יודישע אָפּערע באַלד שטעלען אַלס הויפּט־אַטראַקציע פון זיין רעפּערטואַר.

די ליברעטאָ (ווערטער) צו דער אָפּערע, בעשטיצט אויף דער דראַמע פון ש. אַנ־סקי, האָט אָנגעשריבען דער איטאַליענישער פּאָעט ר. סימאָני. וועלכער ערקלערט, דאָס „די ווערטער זענען צוגעפּאַסט צום לירישען טעאַטער, טאָקע צוליב דער מאַסע פון לעגענדאַרישע סצענען און ווילדע, הערציגע פאַסירונגען"...

נו, אַזוי איז די אָפּערע אָנגעשריבען געוואָרען?

„איך האָב מיך ספּעציעל אָנגעשטרענגט — דערציילט ה' ראָקאַ, כדי אַריינצודרינגען מיט מיין גאַנצער נשמה אין דער יודישער אַטמאָספערע און שעפּען פון איהר די ריכטיגע מאָטיווען פון דער ריין יודישער מוזיק. דערוויל האָב איך מיך אַרום געזעהן, דאָס די יודישע מוזיק דערנעהענטערט זיך מיט איהר מעלאָדישקייט און קלאָרקייט, צו דער איטאַליענישער, זי איז נישט קיין וואַלקאַניש־ברוזענדע כאָטש ס'פיהלען זיך ביי איהר בעוועגונג שטריכען און אונגעשלאָגענקייט.

„מיין מוזיקאַלישע דראַמע געהט האַנט־ביי־האַנט מיט די בעוועגונגען פון די „דיבוק"־פערזאָנען אויף דער ביהנע. איך האָב טיף שטודירט אַלע פערזאָנען פון „דיבוק" און האָב זיי קלאָר און עקספּרעסיוו געשילדערט מיט ריין יודישע גוט־בעקאַנטע פאַר די יודישע מאַסען, מעלאָדיעס פון וואָכען פלאַפּלענדען ריטם.

ווי איז די גאַנצע אָפּערע?

„דער פּראָלאָג איז נאָר אַ מוזיקאַלישער, נישט קיין סצענישער, פון דער ווייטענס דערהערט זיך די סקאַרבאָווע שטימע פון משולח, בעגלייט פון אַ לירישען טרילערענדען כאָר, צווישען דער טאָן־פערשטאַרקונג וואָס געהט דורך די פידלען, טשעלאָס ביז די קאָנטראַבאַסען, עפנעט זיך דער פאָרהאַנג.

תלמודיסטען, ישיבה־בחורים, זינגען אין דועטען אַהער כאָר און איבער זייער געזאַנג געהט דורך ווי פון אַן אַנדער וועלט, די שטימע פון חנן דעם זינגער פון שיר־השירים... מיט'ן אָנקומען פון לאה בעקומט די סצענע אַן אידילישען, טעמפּעראַמענטאַלען כאַראַקטער, כאָטש די צושיידונג איז אָפּגעהאַקט, קורץ און אפילו נערוועז, דער אָרקעסטער דריקט עס דייטליך אויס און געהט דאַן אַריבער צו די טענץ פון די ישיבה־בחורים, וועלכע ווערען ברוטאַל און האַרט איבערגעריסען, נאָכדעם ווי מען געפינט דעם קערפער פון לאה...

דער צווייטער אַקט הויבט זיך אָן מיט פרעהליכקייט, מיט די וועניגע פרעהליכע ניגונים פון דער טיפער אָבער נישט־זיכערער יודישער נשמה, מען זינגט און מען טאַנצט לכבוד דער כלה מיט דער מוזיק פון אַ פליט און פיסהאַרמאָניע. דער טאַנץ פון לאה ווערט בעגלייט פון פערשידענע אינסטרומענטען־גרופּען און ווען זי פאַלט אין חלשות, געהט די מוזיק שטילער און טרויעריגער ביז אַ טרויער־מאַרש... דער לייט־מאָטיוו איז די מוזיק פון די וואָרטער", וואָס דער שליח־אַנטפּלעקער זאָגט צו לאה'ן און דאַן קומט דער קולמינאַציאָנס־פּונקט פון דער דראַמע, דער טאַנץ פון דיבוק, פון שדים, פון שטן'ס וועלכער ווערט שטאַרקער און העפטיגער אָבער האַלטענדיג זיך ביים לייט־מאָטיוו פון ווייכקייט און טרויער — אילוסטרירט און בעגלייט פון די בלאָז־אינסטרומענטען.

„דער דריטער אַקט קומט פאָר אין הויז פון רבי, דער בעל־הניסים והנפלאות, פול מיט הייליגער לופט, דאָס אָרקעסטער בלאָזט און סטרונע אינסטרומענטען אויף סורדינען, צייכענען אויס די מיסטישע אומשטענדען פון דעם גאַנצען אַקט, ריכטיגע בית־מדרש מוזיק, ווי מען הערט זי אין ליטע אָדער אין פּוילען, בעגלייט די אָוונט־תפילות פון די בייוועזענדע יודען, לאַנגע שטריכען פאַר די פידלען, שאַרפע דונערנדע קלאַנגען פאַר די בלאָזער הערען זיך בשעת דעם משפּט איבער סנהדר'ן און איבער די ווייבער מיט זייערע כישוף־מיטלען: אַ ריטמישער פיער־טאַקטיגער קאָנצערט האַלט אָנגעצויגען די כוחות פון אַלטען רבי, בשעת זיין מלחמה מיט די „נישט־גוטע"; שופר־בלאָזען אויף דער ביהנע און אַקטיווע אַרבייט פון די בלאָזער אינ'ם אָרקעסטער — און דאַן קומט דאָס גרויסע ליד פון הימלישען גלאַנץ, פון ליטורגישע מעלאָדיע געשפּונען, און ער פערגעהט אין לאַנגע „פּיאַניסימאָ", ביים טויט פון לאה, וועלכע וועט זיך באַלד טרעפען מיט איהר חתן, מיט איהר אויסדערוועהלטען"...

אַזוי וועט אויסזעהען די אָפּערע — „דיבוק".

אַ שפּאָגעל־נייע אויפפיהרונג פון „דיבוק" און אַ ניי מוזיקאַליש יודיש ווערק, כאָטש יודישע הענטלידער ! — האָבען איהם נישט געשאַפען...

ש. יצחקי.

יודען ווערט נישט פערדונגען קיין פלעצער אין האַנדעלס־האַלע!

בערלין (יט"א) די שטאָדטישע זעלבסטפערוואַלטונג פון פראַנקפורט ביים מאַין האָט פערעפענטליכט אַ בעקאַנטמאַכונג, אַז יודען וועלען נישט פערדונגען ווערען קיין ערטער אין די נייעפענטע גרויסע האַנדעלס־האַלען.

בערלין (יט"א) די מוניציפּאַליטעט פון ליגניץ האָט זיינערצייט פערבאָטען די אָרטיגע צייטונגען אָנצונעמען אַנאָנסען ביי יודישע פירמען. לעצטענס האָט דער אָרטיגער מאַגיסטראַט די דאָזיגע פעראָרדנונג אָפּגעשאַפט. נישט בעקוקט דערויף ווילען אָבער די צייטונגען ווייטער נישט אָננעמען קיין יודישע אַנאָנסען, מורא האָבענדיג דאָס מען זאָל זיי נישט חושד זיין אין יודישע פריינדליכקייט. דאָס צוריקציהען דעם פערבאָט דורך דעם מאַגיסטראַט האָט דעריבער נישט געהאַט קיין פּיזול.

געכאַפּט פאַר'ן קאָלנער

און איבערגעגעבען דעם „דעטעקטיוו" אין די הענד פון פאָליציי

(א) זיגמונט אַטאַצקי'ן פון זגערזש קאָן מען צירישען „אנשי שלומינו", אַז ער האָט ליב צו נעהמען און נישט צו געבען (בלשון אשכנז הייסט עס, ער איז אַן „עמער" און נישט קיין „געבער"...).

נאָגט ער און גיט נישט אָפּ — כאָטש ער האָט אַ גאַנץ פיינעם מאַיאָנטעק און איז אַ מאַנופאַקטור־סוחר.

ער פערשטעקט אָבער אַזוי זיינע זאַכען, אַז מען קאָן צו איהם נישט צוקומען, און אַלע זיינע בעלי־חובות הייסט ער זיך רופען: ה' קנאַקניסעל.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז איינער, אַ געוויסער יונגערמאַן, וואָס קאָן אויסנוצען אַזעלכע זאַכען, און הייסען הייסט ער יוזעף שקליאַרעק, שטעלט אָפּ אָטאָ דעם אַטאַצקי'ן אויף פּיעטרקאָווער 256 און זאָגט צו איהם כהאי לישנא:

— פאַניע אַטאַצקי־קרוין, ווי איהר קוקט מיך אָן, פאַניע אַטאַצקעשי, בין איך אַ פּריוואַט־דעטעקטיוו... איך ווייס פון אַלע ענקערע מעשים, און איך ווייס אויך, וואו איהר פערשטעקט, אַ שטייגער, אייערע סחורות — איז לאָמיר מאַכען אַזוי: וועט איהר מיר בעצאָהלען כך וכך, וועט זיין פתח־שין־טא, אלא־נישט...

— וואָס אלא־נישט!?.. ווען אלא־נישט?!!.

און אַטאַצקי האָט אָנגעכאַפּט דעם כלומר'שטען דעטעקטיוו פאַר'ן קאָלנער, אויפגעהויבען איהם אין דער לופט, ווי אַ לופטבאַלאָן, געמאַכט דעם ריכטיגען געוואַלד, און איבערגעגעבען איהם אין די הענד פון דער פאָליציי.

אַזוי ווי שקליאַרעק איז שוין בעקאַנט געווען פון עהנליכע „אויפטריטען אין דער עפענטליכקייט", האָט ער נעכטען בעקומען אַ פסק־דין פון געריכט — 2 יאָהר צו זיצען.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט־דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: א. פּאַטאַש (פּלאַץ קאָשטשעלני 10) א כארעמזא (פּאָמאָרסקא 12), ע. מילער (פּיעטריקאָווער 46), מ. עפּשטיין (פּיעטריקאָווער 225) ז. גאַרטשינסקי (פּשעיאַזד 59), פּ. אַנטאָניעוויטש (פּאַביאַניצער 50).

פאַר הונגער

(א) אויף צימער־גאַס 6 איז נעכטען אַוועקגעפאַלען פאַר הונגער די הייזלאָזע העלענע מורינאַ. מ'האָט זי איבערגעפיהרט אין זאַנאַט־שפּיטאָל.

איבערגעפאָהרען אַ יודיש מיידעל

(א) אויף דרעוונאָווסקא גאַס האָט אַן אויטאָ איבערגעפאָהרען די 21־יאָהריגע רבקה וואָלפאָוויטש (פון זגערזשער 46).

אַ שטאַרק צושעדיגטע האָט מען זי אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

דער שאָפער וויראָסטעק ווערט צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט.

אומגעבראַכטע קינדער

(2) פראַנצישעק בארדאש, דער סטרוזש פון דימאַנטאָווסקיעגאָ 8, האָט געמאָלדען אין דער פאָליציי, אַז ביים אַרויסנעהמען דעם אומצוכט פון קלאָזעט האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ צופוילט טויט קינד — אַ מיידעלע.

* * *

(א) אין דאָרף ניעבישאָוו, ראַדאָמסקער קרייז האָבען דורכגייער געפונען פערוויקעלט אין אַ פּעקעל אַ דערשטיקט 2־וואָכעדיג קינד — אַ מיידעלע.

מען האָט אַרעסטירט די 19־יעהריגע יאַדוויגאַ מאַקאַראָוויטש, אַ דינסט־מיידעל, וועלכע האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס קינד איז איהרס, און אַז צוליב'ן מאַנגעל אין חיונה האָט זי דאָס קינד דערוואָרגען און בעגראָבען. מען האָט זי אַרעסטירט.

פּאָליטישער פּראָצעס

(2) דער קוים 17־יעהריגער מאיר ראָכפעלד איז נעכטען פערמשפּט געוואָרען אויף 3 יאָהר אויסבעסערונגס־הויז פאַר קאָמוניסטישער טעטיגקייט.

פון דער לאָדזשער בערזע

באַנק פּאָלסקי	85.00
3 פּראָצענטיגע בוראָוולאַנע	38.35
4 " דאָלאַרובקא	48.25
7 " סטאַביליזאַציע (אַמ.)	51.00
8 " וואַרשאַווער לאַנד־בריף	43.25
8 " לאָדזער	40.50
ענגלישער פונט	28.60
דאָלאַר - אָפיצ. 6.27, נישט אָפיצ.	6.25
גאָלד־דאָלאַר	9.08
גאָלד־רובל	4.76
דייטשער מאַרק	2.11

ראַדיאָ־פּראָגראַם

מיטוואָך, דעם 30 אויגוסט 1933

11,57 צייט סיגנאַל. 11,05 גראַמאָפאָן. 12,25 פּרעסע. 12,35 גראַמאָפאָן. 12,55 ידיעות. 2,55 גראַמאָפאָן, קאָמוניקאַטען פון לאָדז. 4 קאָנצערט פון טשעכאָטשינעק. 5,15 סאָליסטען־קאָנצערט. 6,15 רעפעראַט. 7,05 רעפעראַט. 7,40 ליטעראַרישע פערטעל־שעה. 9,10 פידל־רעסיטאַל. 10,05 טאַנץ־מוזיק. 10 35 קאָמוניקאַטען. 10,40 טאַנץ־מוזיק.

פון אויסלאַנד

3,15 — דאַווענטרי — סימפאָנישער קאָנצערט. 7,30 — פּראַג — אָפּערע „מאַדאַם בוטערפליי". 8— לאָנדאָן — באַך־אָוונט. 10 — דאַווענטרי — סימפ. קאָנצערט.

יודען געדענקט!

היטלערישע באַנדעס פּייניגען אייערע ברידער אין דייטשלאַנד!

אייער געוועהר געגען זיי איז באָיקאָט אויף סחורות פון דייטשלאַנד!

קאָמוניקאַט

פון דער יודישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד־קענטשאַפט אין פּוילען אָפּט. אין לאָדז, וואָלטשאַנסקא 35 טעלעפאָן 121-53

אינטערעסאַנטע אויספלוגען

1) שבת, דעם 2 סעפּטעמבער 7,30 אָוונד, צוויי־טאָגיגער אויספלוג נאָך ווילנע־טראָקי.

עס וועלען בעזוכט ווערען: דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט, סטראַשון־ביבליאָטעק שול־הויף, קאַטעדרע, קלויסטער פון פּעטער און פּאַול און אַ גאַנצע רייהע אַנדערע זעהענסווירדיגקייטען.

אָפּצאָהל: פאַר מיטגלידער 35 גילדען, פאַר נישט־מיטגלידער 38.50 זל. (נאַכטלעגער, בעקעסטיגונג און רייזע). אָנפיהרער פריינט ראָזענמאַן.

2) שבת, דעם 2 סעפּטעמבער ה. י. — נאָך קאָכאַנובעק (שפּיטאָל פאַר נערווען־קראַנקע). — אָנפיהרער פריינד דיר. מ. נאַכומאָוו.

3) זונטאָג, דעם 3 סעפּטעמבער ה. י. נאָך סאָלע (רעזידענץ פון מלוכה־פּרעזידענט) אויף די דאָזשינקעס.

איינשרייבונגען אויף די דערמאָנטע אויספלוגען ווערען אָנגענומען ביז דאָנערשטאָג, דעם 31־טען ה. ח. ביז 10 אָוונד.

ד"ר מ. וואָלפזאָהן

אינערליכע קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

נאַרוטאָוויטשאַ 2, טעל. 128-83

נעהמט אָן פון 12-2 און פון 6-8 אָוונד.

Dr. med.

L. Berman

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07

ספּעציעל־אַרצט פאַר הויט־ און געשלעכטס־קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע־בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.

אַלע אַרט אַנאַליזען.

נעמט אָן פון 8—11 און 4-8 אָוו. זונטאָג פון 9—1 בייטאָג

פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פּרייזען.

קלאַנג־קינאָ

CAPITOL

היינט פּרעזענטירען מיר די רייצענדע און שעהנע SARI MARITZA ווי אויך HERBERT MARSCHALL אין דעם גרויסען פילם

„ליציטאַציע פון ליבע"

אָנהייב פון די סעאַנסען אין גאַוו. טעג 4.30 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג 12.30 בייטאָג.

נעקסטער פּראָגראַם: „עקסטאַז"

צו דער עפענטליכקייט!

ס'איז כדאי, אַז די עפענטליכקייט זאָל וויסען, ווי ס'האָבען געהאַנדעלט די ווירטסלייט

פריידענרייך, פּילסודסקיעגאָ 40

און גאָלדשלעגער, פּיעפּושאָווע 6,

וועלכע האָבען אַ זומערוואוינונג הינטער אוזדראָוויסקאָ. איך האָב געדונגען ביי זיי אַ דירה, משוה געוואָרען און געגעבען האַנד־געלד. ווען מיין פרוי איז פרייטאָג פאַרנאַכט געקומען מיט די זאַכען, האָבען זיי מיט טרער די זאַכען אַרויסגעוואָרפען און נישט געוואָלט מיך אַריינלאָזען אין דער וואוינונג. אַזוי האָבען זיי אויך געמאַכט מיט אַנדערע לאָקאַטאָרען.

ראָזענצווייג.

4461

Dr. Szreiber

כירורג

צוריקגעקעהרט

NARUTOWICZA 9, tel. 122-95

נעמט אָן פון 2—3 נאָכמ. און פון 7—8.30 אָוו.

צאָהן־אַרצט

St. Gelberg

14 זאַוואַדזקאַ 14, טעל. 108-33

צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן פון 10—2 און פון 4—7 אָוו.

ווערקשטעל פון שירמס און שפּאַציר־שטעקענס

ס. פייגענבוים

לאָדז, נאַרוטאָוויטשאַ 19

עמפּפעהלט אין אַ רייכען אויסוואַהל פון קאָלירטע דאַמען־ און מענער־שירמס און שטעקענס צו קאָנקורענץ־פּרייזען. נעהמט צו אַלערליי רעפּאַראַטורען פון שירמס און שטעקענס.

קליינע אַנאָנסען

1 זלאָטי אַן אַנאָנס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

באַיאָרקאָווע שטיקערינס קוואַליפיצירטע צו מיליטערישע און שקאָלנע אַרבייט ווערען פון זאָפאָרט געברויכט. צו ווענדען זיך צו ווינטערצטער, 11־טער ליסטאָפּאַד 13, פּאַפּיר־געשעפט. 4479

ראַקאַלען

לאָזשי קענען בעקומען 2 פריילינס אָדער אַ שטוב אויף אַ פּראַצאָווניע. צו ערפאַהרען אין אַדמ'. 447

פערשידענעס

אומזיסט נעהם איך איבער צו פיהרען אַלס זשאַנדצע, ווי אויך אַלס אַדמיניסטראַטאָר. טעל. 226-24 פון 2-4 נ"ם

פרייע פּאָסטענס

נויטיג אַ לערן־מיידעל צו נייהען סוועטערס, אויך אַ לערן־יונגעל. קאָנסטאַנטינער 49, וו. 17, פראָנט, 3. שטאָק.

נויטיג קוואַליפיצירטע נייהערינס צו וואַטירטע קאָלדרעס אין די פּראַצאָווניע נאָוואָמיעסקא 28, ביי ליבערמאַן. 4476

אַ קוואַליפיצירטע פערקויפערין פון דאַמען־קאָנפעקציע געזוכט ביי ר. מאַרגאָליס, פּיעטריקאָווער 92. 4473

ס'ווערט געזוכט אַ יונגעל צו לייכטע אַרבייט, בעלר געצאָהלט. צו ערפאַהרען ביי גוטשטאַט, נאָוואָמיעסקא 28. 4477

כירורגישער קאַבינעט

Dra med.

M. Kantora

איז געוואָרען איבערגעטראַגען אויף זשעלאַנאַ 5

טעל. 112-22

נעהמט אָן פון 1—3 און פון 6—8 אָוו.

לעטשניצע־פּרייזען.

לעטשניצע

זגערזשער 17

נעהמט אָן קראַנקע אין אַלע ספּעציאַליטעטען

פון 9 פריה ביז 7 אַ זייגער אָוונט.

וויזיט 3 זל.

Dr. med.

S. Kantor

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט־קראַנקהייטען.

בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע

וואוינט יעצט אויף

90 פּיעטריקאָווער 90

טעל. 129-45

נעמט אָן פון 8—2 בייטאָג און 5—9 אָוו.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט־קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע

אַנדזשעיאַ 5 טעל. 159-40

צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו. זונטאָג און יום־טוב פון 9 — 1 פאַרמיטאָג. בעזונדערע וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

איך פאָדער אויף מיין חירם

מאיר לעוקאָוויטש

(זגערזשער 42) צו אַ דין־תורה

אַלס ענטפער אויף דער אויפפאָדערונג אין נעכטיגען „נייעם פאָלקסבלאַט" פון הויז־חירם מאיר לעוקאָוויטש, זגערזשער 42, אין וועלכער דער חירם ערקלערט, אַז איך בין איהם שולדיג פאַר 5 קוואַרטאַל דירה־געלד, שטעל איך פעסט, אַז שולדיג בין איך נישט פאַר 5 קוואַרטאַל, נאָר פאַר 2 קוואַרטאַל. די עקסמיסיע האָט ער אַרויסבעקומען, ווייל ער האָט מיר נישט געלאָזט געבען קיין קוויטונגען אויפ'ן געלד.

איך בעמערק דערביי, אַז צוליב זיינע עקסמיסיע־דראָהונגען, האָט זיך מיין טאָכטער מיט 4 חדשים צוריק אַראָפּגעוואָרפען פון 4. שטאָק, וועלכע איז אויפ'ן אָרט דער'הרג'עט געוואָרען.

איך פאָדער דערום אויף דעם ה' לעוקאָוויטש, ער זאָל מיט מיר געהען צו אַ דין־תורה ביים ראַבינאַט. מרדכי צימערמאַן.

Lekarz-Dentysta

Jakób Karmazyn

2 Południowa 2

צוריקגעקעהרט.

נעמט אָן פון 9—1 און פון 3—7 נאָכמ.

אַנאָנסען־פּרייז פאַר אַ מילימעטער־שורה

מאָרג'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב־יו"ט—24 גר. אין דער זייט שפּאַלטען

אין טעקסט—40 " " " " —60 " " " " " 4 "

זאַכ'ן טעקסט—12 " " " " —18 " " " " "

אויסער דער שטאָדט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. אַ וואָרט

נעקראָלאָגען—20 גר. אַ מ/מ (אין דער זייט שפּאַלטען) קליינע אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע וואָרט — 10 גר.

אַבאָנאַמענטס־פּרייז: אין לאָדז — 4 זלאָטעס אַ חודש מיט צושטעלען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אַמעריקע—1 דאָל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פּרינציפּיעל דעם אינהאַלט פון דער אַנאָנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקען די אַנאָנס אָדער צוריקצוצאָהלען פאַר דעם אַנאָנס

פאַר'ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך. די אדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg   Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.